STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04132

HAGADA

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

HAGADA

The Narrative of Israel's Redemption from Egypt

SEDER RITUAL
for
PASSOVER-EVE

HEBREW AND YIDDISH

Illustrations in colors
by LOLA

New Translation with Annotations by
J. D. Eisenstein

Copyright 1928

All rights reserved

Hebrew Publishing Company

Printed in U. S. A.

ליסטע פון די אילוסטראציעס

דער שער־בלאט . . . . —
ערב פסח — בדיקת חמץ 1
קידוש — די פאמיליע ביים סדר 4
די קערה פון סדר 6
די תלמידי חכמים דערצעהלען יציאת מצרים . . . 9
די ארבעה בנים 10
דער ברית בין הבתרים 18
די בני ישראל פערשקלאפונג אין מצרים 20
משה רבינו הרג'ט דעם מצרי 24
משה און אהרן פאר פרעה 26
די לויים מיט זייערע כלי זמר 29
די ברידער פערקויפען יוסף'ן 31
משה רבינו שפאלט דעם ים 33
עסען דעם קרבן פסח 40
דוד המלך בעגייסטערט מיט רוח הקודש 50
אין משיח'ס צייטען 52
אברהם אבינו בעגעגענט די מלאכים 60
בלשאצר'ס סעודה — די שריפט אויפ'ן וואנד . . . 61
סנחריב'ס מפלה און דער מלאך 62
יוסף ערקלערט דעם חלום פרעה 63
יעקב אבינו עמיגרירט נאך מצרים 65
פרעה בעט משה'ן צו פערלאזען מצרים 69
די בני ישראל פאר'ן בארג סיני 70
דער בית המקדש 71
דער געליעבטער אין שיר השירים 72
די צעהן מכות (10 אילוסטראציעס) . . . . 17—26
אחד מי יודע (10 אילוסטראציעס) . . . . 60—66
חד גדיא (10 אילוסטראציעס) . . . . 67—71

26 דעקארירטע אנפאנג בוכשטאבען

ההגהה המדויקת בנוגע להניקוד והמתגים וציוני שוא נע
ע״י ר׳ דובער אלפרין

פאָררעדע

עס זיינען היינט שוין דאָ איבער פופצעהן הונדערט אויסגאַבען פון דער הגדה של פסח, און דאָך געפינט זיך אַן אָרט פאַר דיזער אויסגאַבע, וואָס שטרעבט צופרידענצושטעלען אַ געוויסע קלאַס מענשען, וועלכע האַלטען פון אָפּריכטען דעם סדר און ווילען וויסען פון אַלע מנהגים און אַלעם וואָס געהערט דערצו. איבערהויפּט פאַר די, וואָס ווילען פאַרשטעהן די איבערזעצונג פון דער הגדה אין אַ ריינעם אידיש, — ניט די אַלטע עברי-טייטש און אויך ניט די נייע אידיש פון פּוילען אָדער גאַליציע, — נאָר די אידיש וואָס ווערט געברויכט אין אַמעריקא, ביי די וואָס לעזען די אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען. מיר וועלען אָבער אויסלאָזען די ענגלישע ווערטער און געבען די בעדייטונג אין אידיש, כדי דער עולם פון דער גאַנצער וועלט וואָס רעדט אידיש זאָל פערשטעהן.

באמת פעהלט אונז אַ ריכטיגע אידישע איבערזעצונג לויט דעם העברעאישען טעקסט פון דער הגדה. די ברכות, קידוש, אַ טהייל פון בענשען, אַ טהייל פון נשמת, די ליעדער „כי לו נאה" און „אדיר הוא", און אַנדערע טהיילען, האָבען די פאָריגע איבערזעצער אָבגעקירצט. אויסערדעם האָבען מאַנכע פון זיי פשוט ניט גענוג פערשטאַנען די העברעאישע שפּראַך און האָבען געמאַכט טעותים אין פשט, אָדער זיי האָבען געגעבען ווערטערליכע איבערזעצונגען, וועלכע זיינען אייגענטימליך פאַר העברעאיש, אָבער אונפערשטענדליך אין אידיש.

אין דער נייער איבערזעצונג וועלען מיר איבערגעבען דעם גייסט פון דער הגדה-דערצעהלונג, דעם צוזאַמענהאַנג פון די מאמרים, וויכטיגע ערקלעהרונגען און אנמערקונגען פון די מקורים פון טעקסט, מיט אַ גרויסער הקדמה וואָס גיט אַן איבערזיכט איבער דער גאַנצער עפּאָכע פון גלות מצרים און די גאולה. אויך די דינים וועלכע געהערען דערצו.

איינלייטונג

די פרייהייטס אידעע פון יציאת מצרים

די באַפרייאונג פון די בני־ישראל פון מצרים דורך זייער פיה־רער משה, מיט גאָט'ס הילף, דריי טויזענד און דריי הונדערט יאָהר צוריק, איז די גרעסטע פּאַסירונג אין דער אידישער געשיכטע. עס איז זאָגאַר אַ וויכטיגע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. ביז דעמאָלס האָט ניט פּאַסירט, אַז אַ גאַנץ פאָלק פון שקלאַפען זאָלען זיך באַפרייען פון זייערע הערשער און באַצווינגער. די אידען, וועלכע זיינען געוועזן פאַרשקלאַפט ביי פּרעה'ן אין מצרים אין פערלויף פון איבער פיער הונדערט יאָהר, האָבען געוויזען דער וועלט אַ ביישפיעל, ווי אַזוי צו צוברעכען די קייטען פון שקלאַ־פעריי מיט אייגענע הענד און צייגען דעם וועג פון עמאַנציפּאַציע; ווי אזוי זיך צו בעפרייען פון געצוואונגענער דיענסט. די עובדא וואָס די אידען האָבען אויפגעטאָן, האָט בעאיינפלוסט די מענש־ליכע געזעלשאַפט און געווירקט צו שאַפען דעם גדאַנק, אַז עס איז מעגליך זיך צו בעפרייען פון אונטערדריקונג פון אַ שטאַר־קערער מאַכט. אַנדערע פעלקער האָבען בענוצט די דאָזיגע אידעע, וועלכע זיי האָבען געלערענט פון די אידען. דיעזע לעהרע האָט געהאָלפען די אַמעריקאַנער זיך צו בעפרייען פון דעם דרוק פון די ענגלענדער אין אַמעריקא, מיט איבער הונדערט און פופציג יאָהר צוריק, און בלייבען אונאָבהענגיג פון דער ענגלישער רעגיערונג. דאָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע אין 1789, און אין דער לעצטער צייט האָט עס אויך פעראורזאַכט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917, ווען דאָס פאָלק האָט זיך בעפרייט פונ'ם טיראַנישען צאַריזם.

מיר זיינען ווירקליך אַ פאָלק וואָס אין אונזערע אָדערען פליסט דער גייסט פון פרייהייט. די גאַנצע געביידע פון אונזער רעליגיע איז געשטעלט אויפ'ן פונדאַמענט פון דיעזער אידעע. כמעט אַלע

איינלייטונג

מצוות פון דער תורה שטאַמען אָב פון יציאת מצרים. דער ער־
שטער געבאָט פון די עשרת הדברות זאָגט: „איך בין דער איי־
ביגער דיין גאָט, וועלכער האָט דיך אַרויסגעצויגען פון מצרים
פון שקלאַפען־הויז" (שמות כ, ב); דער פיערטער געבאָט וועגען
האַלטען שבת זאָגט: „געדענק, אַז דו ביזט געווען אַ קנעכט אין
מצרים, און גאָט האָט דיך פון דאָרט אַרויסגענומען מיט אַ שטאַר־
קער האַנד און מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם; דערפאַר האָט
דיר גאָט באַפוילען צו מאַכען שבת פאַר אַ רוה־טאָג" (דברים ה,
טו). אין קידוש פון שבת און יום טוב דערמאָנט מען „זכר ליציאת
מצרים". אין די פרשיות פון די תפילין איז דערמאָנט יציאת
מצרים. אויך אין בענשען נאָכ'ן עסען זאָגט מען: „ועל שהוצאתנו
ה' אלהינו מארץ מצרים" — מיר דאַנקען דיר, גאָט, פאַר דעם,
וואָס דו האָסט אונז ארויסגעצויגען פון מצרים. דער אמת איז, אַז
מען דאַרף דערמאָנען יציאת מצרים ביי יעדער געלעגענהייט, לויט
ווי עס שטעהט געשריבען: „דו זאָלסט דיין גאַנצען לעבען גע־
דענקען דעם טאָג וואָס דו ביזט אַרויס פון מצרים" (דברים טז, ג).

דער געדאַנק איז ענטוויקעלט אין דער הגדה, וועלכע גיט אַ
סך־הכל דערפון, צו בעהויפטען דאָס: „יעדער איינציגער איד,
אין יעדען דור, דאַרף זיך פאָרשטעלען דאָס ער זעלבסט איז אַרויס
פריי פון מצרים", אום דאָס פרייהייטס־בילד זאָל שטענדיג זיין
פאַר זיינע אויגען, און זאָל שטענדיג מאַכען דעם איינדרוק פון די
פרייהייט־שטרעבונג אין זיינע געהירען. עס איז ניטאָ קיין אַנדער
רעליגיע אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך בעציהען אַזוי צו דעם גע־
דאַנק פון פרייהייט, אַזוי ווי די אידישע.

און דאָך דאַרף מען ניט פערבייטען די אידישע פרייהייטס־
אידעע אויף אַ פריווילעגיע, אָדער ערלויבניש־שיין אויף צולאָזענ־
הייט. מען דאַרף זיך ניט איינרעדען, דאָס מען קען טאָן וואָס מען
וויל, רעכט אָדער אונרעכט. עס איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען
מען האָט אַזוי געדענקט — אין די לעצטע יאָהרען פון די שופטים:
„אין יענער צייט איז אין ארץ־ישראל קיין קעניג ניט געווען, יע־
דער האָט געטהאָן וואָס איהם איז געפעלען" (ענדע שופטים).

די רעגירונג האָט ניט געקענט עקזיסטירען, און די אידען זיינען געווען געצוואונגען צו זאַלבען אַ קעניג, וועלכער האָט געבראַכט אָרדנונג און געזעצען אין לאַנד.

פרייהייט מיינט ניט פריי מאַכען פון רעליגיעזע פערפליכ־טונגען; מיר דאַרפען דאָך דיענען גאָט, — נאָר מיר זאָלען ניט דיענען צו צוויי הערשער: „די בני־ישראל זיינען קנעכט ביי מיר — מיינע קנעכט זיינען זיי, ווייל איך האָב זיי אַרויסגעצויגען פון מצרים; איך אייביגער בין אייער גאָט“ (ויקרא כה, נה). דאַרויף בעמערקט דער תלמוד: „אָבער ניט קנעכט צו קנעכט“ (מגילה יד:). די פערפליכטונג צו גאָט און צו מענשען, לויט דער תורה, הינדערן ניט די פרייהייט, נאָר פערקעהרט, זיי פערשטאַרקען די פרייהייט. אַזוי ווי די חכמים דרש'ענען וועגען די לוחות: „די וואונדערליכע שריפט וואָס איז געווען אויפגעקריצט (חרות) אויף די לוחות“ (שמות לב, טז) — לייען ניט „חרות“ (אויפגע־קריצט), נאָר „חרות“ (פרייהייט), ווייל קיין מענש איז ניט פריי נאָר דאַמאָלס ווען ער לערנט תורה און היט אָב די מצוות“ (פרקי אבות פ"ו ב').

דער „ברית בין הבתרים“ (גאָט'ס בונד מיט אברהם), וואָס האָט געפיהרט צו יציאת מצרים

גאָט האָט זיך בעוויזען צו אברהם „אין אַן ערשיינונג“ און האָט צו איהם געזאָגט: „שרעק זיך ניט, אברהם, איך בין דיין בע־שיצער, דיין לוין איז זעהר גרויס“... און ער האָט איהם אַרויסגע־פיהרט אין דרויסען און געזאָגט: „בליק נאָר ארויף געגען הימעל און צעהל די שטערן, אויב דו קענסט זיי צעהלען — אַזוי וועלען זיין דיינע קינדער“... און ווען די זון האָט געהאַלטען ביים אונטער־געהן, איז אַ טיעפער שלאָף געפאַלען אויף אברהם, אַ שרעק און אַ גרויס פינסטערניש האָט איהם בעהערשט, און גאָט האָט געזאָגט צו אברהם: „זיי זיכער, אַז דיינע נאָכקומענדע דורות וועלען זיין גרים (פרעמדלינגע) אין אַ פרעמדע לאַנד, און וועלען זיין פער־

שקלאַפּט, און מען וועט זיי פּייניגען מיט שווערע אַרבייט, פיער הונדערט יאָהר; אָבער איך וועל בעשטראָפען דאָס פאָלק וואָס וועט זיי פערשקלאַפען, און נאָכדעם וועלען זיי אַרויסגעהן מיט גרויס פערמעגען״... און ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז געקומען אַ דיקע פינסטערניש, און ווי פון אַ רויכענדען אויווען איז אַרויס אַ פלאַם פייער וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישען די שטיקער פון די קרבנות... אין דעם זעלבען טאָג האָט גאָט געשלאָסען אַ בונד מיט אברהם און איהם פערשפּראָכען צו געבען זיינע נאָכפאָלגער דאָס לאַנד כנען, וועלכע איז בעוואוינט פון צעהן נאַציאָנען, וואָס גרע־ניצט זיך מיט דעם טייך פון מצרים ביז דעם גרויסען טייך פרת (בראשית טו).

די בני־ישראל אַלס שקלאַפען אין מצרים

יוסף, דער זוהן פון אונזער פאַטריאַרך יעקב, איז דערהויבען געוואָרען צו דעם הויכען אַמט פון וויצע קעניג (משנה למלך) אין מצרים, און ער האָט אָנגעזאַמעלט גרויסע אוצרות פון ווייץ אין די זיבען יאָהר פון גערעטעניש, אָנצוגרייטען פאַר די זיבען יאָהר פון הונגער, וואָס קומען נאָך זיי. דער הונגער האָט זיך פערשפּרייט אין אַלע לענדער און האָט אויך געגרייכט אין לאַנד כנען, וואו יעקב מיט זיין פאַמיליע האָבען געוואוינט. יעקב האָט געשיקט זיינע זיהן צו קויפען ווייץ אין מצרים. דאָרט האָבען זיי געפונען זייער פערלאָרענעם ברודער, יוסף, אַלס משנה למלך. נאָכדעם האָט יעקב מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פון זיבעציג פערזאָן איינגע־וואַנדערט און זיך בעזעצט אין מצרים. זיי האָבען געלעבט אין דעם געגענד גושן, און האָבען זיך שנעל פערמעהרט.

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען יוסף מיט זיינע ברידער און זייער גאַנצער דור איז אויסגעשטאָרבען, איז אַרויף אויפ'ן טראָהן פון מצרים אַ נייער קעניג, וועלכער האָט ניט געקענט יוסף'ן, דאָס הייסט, ער איז געווען אונדאַנקבאַר און האָט ניט אַנערקענט די גוטע מעשים, וואָס יוסף האָט אויפגעטהאָן פאַר מצרים אין דער צייט פון די זיבען הונגער־יאָהרען, ווען ער האָט געשפּייזט דאָס

גאַנצע פאָלק און האָט אַנגעפילט די אוצרות פון פרעה מיט גאָלד און זילבער פאַר די תבואה, וואָס ער האָט פערקויפט צו אַנדערע פעלקער. דער נייער קעניג האָט בעקומען אַ חשד אויף די בני־ישראל, וועלכע האָבען זיך זעהר שנעל פערמעהרט אין אַ גרויסער צאָהל. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, דאָס זיי זיינען אַ געפאַהר פאַר דעם לאַנד מצרים. ער האָט געזאָגט צום פאָלק: „זעהט נאָר, דאָס פאָלק ישראל איז שוין מעהר און שטאַרקער פון אונז. מיר מוזען האַנדלען מיט פערשטאַנד דאָס זיי זאָלען זיך ניט מעהרען, וואָרים, אויב זיי וועלען זיך ווייטער אַזוי פערמעהרען און פערשטאַרקען, דאַן, אויב עס וועט אויסברעכען אַ מלחמה אין לאַנד, וועלען זיי צושטעהן צום שונא און וועלען פיהרען קריעג געגען אונז, און זיי וועלען דאַן ארויסגעהן פון אונזער לאַנד“.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס די עגיפּטער האָבען פערשקלאַפט די בני־ישראל און האָבען זיי געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר פרעה, צו בויען גרויסע שפּייכלערס פאַר תבואה און פתום און רעמסס. די מצריים האָבען פערביטערט דאָס לעבען פון די אידען מיט שווערע אַרבייט, צו מאַכען ליים און ציגעל און צו טהאָן אַלערליי אַרבייט אין פעלד. דאָס האָט אָבער ניט געווירקט צו פערקלענערען די צאָהל פון די בני־ישראל; פערקעהרט, וואָס מעהר די עגיפּטער האָבען זיי געפּייניגט, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך פערמעהרט, צו דער גרעסטער איבערראַשונג און מורא פון די עגיפּטער. דאַן האָט פרעה אַרויסגעגעבען דעם שרעקליכען בעפעהל צו די אידישע הייבאַמען, דאָס זיי זאָלען טויטען אַלע אידישע אינגלעך ביים געבורט, נאָר די מיידלעך זאָלען זיי לאָזען לעבען. אָבער די הייבאַמען האָבען מורא געהאַט פאַר גאָט און האָבען געפונען אַן אויסרייד ניט צו ערמאָרדען די קליינע אינגלעך. פרעה האָט דאַן אַרויסגעגעבען אַ נייעם בעפעהל צו די עגיפּטער, אַז זיי זאָלען אַריינוואַרפען אין טייך נילוס אַלע אידישע אינגלעך, וואָס זיי וועלען געפינען, נאָר די מיידלעך זאָלען זיי לאָזען לעבען.

אין יענער פעריאָדע איז געבוירען געוואָרען משה. זיין מוטער האָט איהם געוואָלט רעטען, האָט זי גענומען אַ קאָרב פון ראָהר־

גראָז און עס אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פּעך. דאַן האָט זי דאָס קינד אַריינגעלייגט אין קאָרב און עס אַוועקגעשטעלט אין דעם גראָז, וואָסביים ברעג פון טייך נילוס.

פּרעה'ס טאָכטער איז דעמאָלס געגאַנגען זיך באָדען אין טייך און האָט בעמערקט דעם קאָרב צווישען גראָז. זי האָט געשיקט איהר דיענסט צו נעהמען דעם קאָרב. ווען זי האָט דעם קאָרב אויפגעפענט, האָט זי דערזעהן אינוועניג ליגען אַ וויינענדיג קינד. זי האָט אויף איהם רחמנות בעקומען און געזאָגט: „געוויס איז דאָס אַ אידיש קינד". משה'ס שוועסטער, מרים, וועלכע איז געשטאַנען פון ווייטענס און אַכטונג געגעבען צו דאָס געשעהענע, איז צוגעקומען און געפרעגט: „זאָל איך אפשר ברייננען אַ אידישע אַם צו זויגען דאָס קינד?" פּרעה'ס טאָכטער האָט איינגעוויליגט, און משה'ס מוטער האָט איהם געזויגט. פּרעה'ס טאָכטער האָט איהם דאַן ערצויגען אין איהר הויז אַלס אייגען קינד.

משה דער דערלייזער

משה האָט טיף געפיהלט די ליידען פון זיינע פערשקלאַפטע ברידער. ער האָט בעטראַכט זייער שווערע אַרבייט און זייער פיין און עס האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. און ווען ער האָט איינמאָל געזעהען ווי אַ מצרי-אויפזעהער שלאָגט אַ אידען, האָט זיך אין איהם דערוועקט אַ גרויסער צאָרן און ער האָט דעם מצרי דערהרג'עט. פּרעה האָט דאָס געהערט און ער האָט דערפאַר געוואָלט משה'ן טויטען. ער איז אָבער בעציילטענס אַנטלאָפען קיין מדין, און איז דאָרטען געוואָרען אַ פּאַסטוך. עס האָט געטראָפען, אַז ווען ער האָט איינמאָל געפיטערט די שאָף נעבען באַרג חורב, האָט ער בעמערקט אַ וואונדערליכע ערשיינונג: אַ מלאך פון גאָט האָט זיך בעוויזען אין אַ פלאַם פייער אין אַ קזשאַק פון דערנער, וועלכע האָט געברענט און איז אָבער דאָך ניט פערברענט געוואָרען. דאַן האָט איהם אַ שטימע פון גאָט געזאָגט: „איך בין דער גאָט פון דיינע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב. איך האָב געזעהן דעם

פיין פון מיין פאָלק אין מצרים און האָב געהערט זייער שרייען פון וויטאָג דורך דער שווערער אַרבייט וואָס די עגיפּטער צווינ־גען זיי צו טהאָן. איך וועל דיך שיקען צו פרעה, צו פערלאַנגען פון איהם, ער זאָל זיי אַרויסלאָזען פריי. משה איז צוריקגעקומען אין מצרים, און צוזאַמען מיט זיין ברודער אהרן, זיינען זיי גע־קומען פאַר פרעה'ן און געזאָגט צו איהם: „אַזוי האָט געזאָגט דער אייביגער, דער גאָט פון ישראל: „שיק ארוים מיין פאָלק, דאָס זיי זאָלען מאַכען אַ פייערטאָג פאַר מיר אין דער מדבר (וויסטעניש)“. פרעה האָט ניט געוואָלט הערען דערפון. ער האָט געענטפערט: „ווער איז דאָס אייער גאָט? איך קען איהם ניט. אויסערדעם וועל איך די בני־ישראל ניט אַרויסלאָזען“. פרעה האָט נאָך דערצו בעשולדיגט משה'ן מיט אהרנ'ען, דאָס זיי גיבען פאַלשע האָפנונגען צו די אידישע אַרבייטער און ערמוטיגען זיי צו זיין נאַכלעסיג אין זייער אַרבייט. ער האָט געזאָגט: „די אַר־בייטער זיינען יעצט אין גרויסע מאַסען, און איהר מאַכט זיי שטערונגען אין זייער אַרבייט“. אין יענעם טאָג האָט פרעה בע־פויהלען צו די אויפזעהער: „איהר זאָלט ניט מעהר געבען קיין שטרוי צו די אַרבייטער, צו מאַכען ציגעל, ווי ביז איצט. זאָלען זיי אַליין געהן זאַמלען די שטרוי. אָבער זיי מוזען אויך מאַכען די זעלבע צאָהל ציגעל ווי פריהער, ניט ווייניגער. ווייל די אַר־בייטער זיינען נאַכלעסיג, דעריבער שרייען זיי: לאָז אונז געהן, מיר וועלען מקריב זיין קרבנות צו אונזער גאָט! זאָל די אַר־בייט ווערען שטרענגער, און דאַן וועלען זיי ניט לעבען מיט פאַלשע האָפנונגען“. גאָט האָט אָבער פערזיכערט משה'ן, אַז פרעה וועט ענדליך דאָך זיין געצוואונגען צו לאָזען די בני־ישראל אַרויסגעהן פון זיין לאַנד.

די צעהן מכות

נאָכהער האָט גאָט בעשטראָפט פרעה'ן מיט די צעהן מכות, וואָס זיינען געקומען אויף די מצריים, אין צווישענצייט, ווי פאָלגט:

איינלייטונג

דם — די וואַסער פון טייך נילוס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין בלוט.

צפרדע — פרעש פון אַלע וואַסערען האָבען זיך פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד מצרים און זיינען אַריין אין די הייזער, אין די שלאָפצימערען, און אפילו אין די באַק-אויוועגס און אין די דייזשעס.

כנים — לייז אויף מענשען און אויף בהמות איבער'ן גאַנ-צען לאַנד.

ערוב — אַ געמיש פון ווילדע חיות האָבען זיך אַרומגע-טריבען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

דבר — אַ פּעסט אויף בהמות און שאָף אין פעלד.

שחין — בלאָטערן, אויסשלאַגען אויף די קערפּערס פון די מענשען און בהמות איבער גאַנץ מצרים.

ברד — האָגעל און בליצען, וואָס האָט גע'הרג'עט מענשען און בהמות אין פעלד און צובראָכען אַלע בוימער.

ארבה — היישעריקען וואָס האָבען אין גרויסע מאַסען פער-שטעלט די שיין פון דער זון און האָבען אויפגעסען אַלע גרינצייג און אַלע בלעטער פון די בוימער.

חשך — פינסטערניש, וואָס האָט זיך געלאָזט פיהלען אין גאַנץ מצרים דריי טעג, אָבער אין די אידישע הייזער איז עס גע-ווען אַנגענעהם-ליכטיג.

מכת בכורים — אַלע ערשט-געבוירענע עגיפּטער און אויך ערשט-געבוירענע פון בהמות זיינען אויסגעשטאָרבען אין מיטען דער נאַכט. דיעזע לעצטע מכה איז געווען אַ טויט-קלאַפּ פאַר פרעה'ן, עס האָט געבראָכען זיין ווידערשטאַנד. דאַן האָט ער זיך שוין געבעטען צו לאָזען די בני-ישראל אַרויסגעהן פון מצרים.

יציאת מצרים און די שפּאַלטונג פון ים-סוף

מעהר ווי זעקס הונדערט טויזענד בעוואָפענטע מענער, אַ חוץ פרויען און קינדער, און אַ חוץ דעם ערב-רב, די גרים פון די עגיפּ-

אײנלײטונג

טער וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די בני־ישראל, זײנען אַרויס־געגאַנגען פון מצרים, דעם פופצעהנטען טאָג פונ׳ם חודש ניסן, אין דער פריה, פראַנק און פרײ, נאָך אַ לאַנגען גלות פון פיער הונ׳דערט און דרײסיג יאָהר *).

די בני־ישראל האָבען געמאַכט זײער לאַגער אין דער מדבר. פּרעה האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזעהן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזען אַזעלכע פעהיגע קנעכט, און האָט בעשלאָסען נאָכצויאָגען די אַנטלאָפענע בני־ישראל. ער האָט זיך בעוואָפענט מיט זעקס הונדערט פון די בעסטע רייט־וועגען, און האָט גענומען אַלע עגיפּטישע סאָלדאַטען מיט זיך, צו בעקעמפּפען די בעפרייטע בני־ישראל. ער האָט זיי דערגרייכט בײם האַפּען פון ים־סוף. די בני־ישראל זײנען געווען בעוואַכט פון גאָט מיט דעם עמוד ענן (וואָלקען־זייל) בייטאָג, און דעם עמוד אש (פייער־זייל) ביינאַכט. ווען פּרעה מיט זיין אַרמיי זײנען שוין געווען נאָהענט, האָבען זיך די בני־ישראל זעהר דערשראָקען און האָבען געשריען צו גאָט. משה האָט אָבער אויפגעהויבען זיין שטעקען און געוויזען די בני־ישראל צו געהן פאָרווערטס איבער דעם ים. די וואַסערען האָבען זיך, דורך אַ נס, אויפגעהויבען און זיך צוטהיילט אין צוויי זייטען און אין דער מיטען איז געוואָרען טרוקען, און די בני־ישראל זײנען דורכגעגאַנגען דעם ים אין דער טריקעניש. די עגיפּטער זײנען, צואווילדעטע, נאָכגעלאָפען ביז אין מיטען ים. אָבער פּלוצלינג זײנען די וואַסערען צוריק אַריין אין מיטען ים און האָבען דערטרונקען פּרעה׳ן מיט זיין גאַנצע אַרמיי. משה און די בני־ישראל האָבען דאַן געלויבט גאָט מיט דעם שיר „אָז ישיר“, דאָס העלדען־געזאַנג פון אַ פרײ פאָלק, וואָס איז דערלייזט געוואָרען פון שקלאַפעריי און געזיעגט איבער טיראַניי.

---

*) דער גלות מצרים האָט זיך אָנגעפאַנגען ווען יצחק האָט אײנגע־וואַנדערט נאָך פּלשתים (בראשית כו, א). דער ריכטיגער שעבוד (פער־שקלאַפונג) האָט געדויערט נאָר 210 יאָהר, לויט דער טראַדיציע פונ׳ם תלמוד.

איינלייטונג

דער חג הפסח

פסח איז דער וויכטיגסטער יום־טוב פון די שלש רגלים, די דריי ימים־טובים, אין וועלכער צייט אידען פלעגען, ווען זיי האָבען נאָך געלעבט אין זייער אייגען לאַנד, אין ארץ־ישראל, זיין עולי־רגל, געהן אַלס פילגרימען, נאָך ירושלים, און דאָרטען מקריב זיין קרבנות לכבוד דעם יום־טוב, זוגן „צו בעווייזען זיך פאַר גאָט דריי מאָל אַ יאָהר“ (שמות לד, כד). דער יום־טוב הייסט פסח, ווייל אין דער צייט, ווען גאָט האָט געשיקט אין מצרים די מכת־בכורים, דאָס אַלע ערשט־געבוירענע פון מצרים זיינען אויסגעשטאָרבען אין מיטען דער נאַכט פון פסח, דאַמאָלס האָט גאָט געשיצט די בני־ישראל און מציל געווען זייערע בכורים. עס הייסט: „ער האָט איבערגעהיפט (אשר פסח) איבער די הייזער פון די בני־ישראל אין מצרים“ (שמות כ, כז), אויסמיידענדיג די מכה פון די אידישע בכורים דאָרט וואו דאָס בלוט פונ׳ם קרבן פסח איז געווען בעשמירט אויף די טירען פון זייערע הייזער, אַלס אַ סימן דאָס דער משחית (מלאך המות) האָט קיין שליטה ניט געהאַט אַריינצוקומען.

אין דער צייט ווען דער בית־המקדש האָט נאָך עקזיסטירט, פלעגט מען מקריב זיין דעם קרבן פסח, וועלכען מען האָט געגעסען צום סדר, מיט מצות. חמץ טאָר מען ניט עסען די גאַנצע צייט פון יום־טוב. נאָך דעם חורבן פון בית־המקדש קען מען ניט מקריב זיין דעם קרבן פסח, אָבער די דינים פון חמץ ומצה בלייבען אין קראַפט, צום אָנדענקען: „ווען די בני־ישראל זיינען אַרוים פון מצרים, האָבען זיי געבאַקען זייער טייג קוכען־מצות וואָס איז ניט געווען געזייערט, ווייל זיי זיינען ווי פערטריבען געוואָרען פון מצרים, און זיי האָבען זיך ניט געקענט פערזאַמען, זיי האָבען אויך ניט פערטיג געמאַכט פאַר זיך קיין שפייז אויפ׳ן וועג“ (שמות יב, לט). אין אַנדערע הינזיכטען האָט פסח דיזעלבע דינים ומנהגים ווי שבועות און סוכות.

צערעמאָניעס און מנהגים

בדיקת חמץ

ווייל אין דער צייט פון פסח טאָר מען ניט עסען קיין חמץ און עס טאָר זיך ניט געפינען קיין ברעקעל חמץ אין הויז, אויב יאָ, איז מען עובר אויף „בל יראה ובל ימצא“, דאַרום האָבען די חכמים מתקן געווען מען זאָל בודק זיין דעם חמץ בעפאָר פסח, דאָס הייסט, נאָכפאָרשען און זוכען אויב עס געפינט זיך חמץ אין די פּלעצער וואו מען געברויכט עס אַ גאַנץ יאָהר. געוועהנליך רייניגט די הויז־פרוי (בעלת־הבית) אלע חדרים עטליכע טעג פאָר פסח, לכבוד יום־טוב. דאָך ערב פסח, דאָס הייסט, די נאַכט וואָס געהער צו ערב פסח, מוז דער בעל־הבית בודק חמץ זיין אין אַלע עקען און ווינקעלעך פון הויז, טאָמער איז דאָרטען פערבלי־בען אַ שטיקעל חמץ. די בדיקה ווערט געמאַכט ביינאַכט נאָך מעריב, מיט אַ וואַקסענע ליכטעל, וואָס אַ קליין אינגעל טראָגט צו בעלייכטען די פּלעצער וואו מען זוכט. דער בעל־הבית האַלט אין האַנד אַ הילצערנע לעפעל מיט אַ פעדער, אַריינצושאַרען די שטיקלעך חמץ וועלכע ער געפינט. מען איז זיך נוהג צו לייגען קליינע שטיקלעך ברויט אויפ'ן טיש, אָדער אויף אַ פּלאַץ וואו דער בעל־הבית קען דאָס לייכט דערזעהן, כדי ער זאָל ניט מאַכען אַ ברכה לבטלה, אויב ער וועט גאָר ניט געפינען קיין חמץ.

אָנפאַנגענדיג די בדיקה, מאַכט דער בעל־הבית דיעזע ברכה: „געלויבט איז דער אייביגער, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט אונז געהייליגט מיט זיינע געבאָטען, און האָט אונז בע־פוילען אָבצורוימען דעם חמץ“. נאָכדעם וואָס דער בעל־הבית האָט געמאַכט די בדיקה, פּאַקט ער איין דעם חמץ מיט די מכשירים אין אַ פּאַפּיר און באַהאַלט עס ביז מאָרגען צום פערברענען. דאַן מאַכט ער דיעזע ערקלעהרונג: „אַלע סאָרטען חמץ וואָס בלייבען אין מיין רשות, וואָס איך האָב פערזעהן און ניט אָבגערוימט, זאָל זיין בטל און גערעכענט ווערען ווי שטויב פון דער ערד“.

אויב דער ערשטער טאָג פסח קומט אוים זונטאָג, מוז מען

מאַכען די בדיקה פריהער, דאָנערשטאג בײנאַכט. מען קען אָבער נאָך עסען חמץ דעם גאַנצען טאָג פרײטאָג, און שבת אין דער פריה ביז נײן אַ זײגער. דער חמץ וואָס בלײבט איבער, גיט מען אַוועק אַ גוי, אָדער מען וואַרפט עס אַרויס אום צעהן אַ זײגער. דאַן זאָגט מען דעם ביטול חמץ ווי געוועהנליך ערב פסח נאָכ'ן פערברענען דעם חמץ.

דער ערשטער טאָג פסח פאַלט אויס אם זונטאָג אין די פאָל־גענדע יאָהרען פון 20־טען יאָהרהונדערט:

1903, 1910, 1923, 1927, 1930, 1950, 1954, 1974, 1977, 1981, 1994.

אויב דער בעל־הבית איז ניט צו הויז, מעג אַן אַנדערער מאַכען די בדיקה און פערברענען דעם חמץ. נאָר דעם ביטול חמץ ערב פסח מוז דער בעל־הבית מאַכען וואו ער איז.

אָבריכטען דעם סדר

„סדר" מײנט „אָרדנונג", די פראָגראַם פון די צערעמאָניעס פאַר די ערשטע צוויי נעכט פון פסח. דער בעל־הבית אַלס דער „מלך" און די בעלת־הבית אַלס די „מלכה", זײערע קינדער, און אַמאָל אויך געלאַדענע געסט, זיצען אַרום אַ געדעקטען טיש צו דער סעודה פון יום־טוב. מערקווירדיגע זאַכען קומען פאָר צו אינטע־רעסירען און צו איבערראשען די קינדער, כדי זײ זאָלען פרעגען אַ קשיא: „וואָרום די הײנטיגע נאַכט איז אַנדערש פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר?". דאָס גיט אַ געלעגענהײט דעם פאָטער מקיים צו זײן די מצוה און ענטפערען זײן זוהן אויף זײן פראַגע, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: „ווען דײן זוהן וועט דיך פרעגען, אין אַ צײט אַרום, וואָס בעטײט דאָס? זאָלסטו איהם ענטפערען: מיט אַ שטאַרקער קראַפט האָט אונז גאָט אַרויסגענומען פון מצרים, פון שקלאַפען־דינסט" (שמות יג, יד).

די סדר־אײנריכטונג פון דער הײנטיגער צײט איז כמעט לויט די אַלטע פראָגראַם וואָס איז בעשריבען אין דער משנה, מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

איינלייטונג

די אויסשטעלונג פון סדר-טיש איז ווי פאָלגט:

1. **זרוע.** אַ האַלב-געבראָטען שטיקעל פלייש מיט אַ ביין, צום אָנדענקונג פון קרבן פסח, וואָס מען האָט געגעסען ווען דער בית-המקדש האָט עקזיסטירט.

2. **ביצה.** אַ געבאַקענע איי, צום אָנדענקונג פון קרבן חגיגה, וואָס מען פלעגט עסען יום-טוב, ווען דער בית-המקדש איז געשטאַנען. אַנדערע זאָגען, אַז דאָס איז „זכר לחורבן", אַן אָנדענ-קען פון טרויער אַויפ'ן צערשטערטען בית-המקדש, ווייל דאָס איי איז אַ סימבאָל פון טרויער.

3. **מצה.** דריי מצות וואָס ליגען איינגעוויקעלט אין אַ סער-וועטקע אין דריי פאַלטען, אָדער אין אַ סדר-געפעס, וועלכע האָט דריי אָבטהיילונגען און איז צוגעדעקט מיט אַ סערוועטקע. די דריי מצות רעפּרעזענטירען כהן, לוי, ישראל — די דריי קלאַסען אידען.

4. **מרור.** כריין, אָדער שאַרפע גרינס. דאָס ווייזט אויף דער ביטערער צייט וואָס די אידען האָבען איבערגעלעבט אַלס שקלאַפען אין לאַנד מצרים.

5. **חרוסת.** אַ געמיש צוזאַמענגעריבען פון עפּעל, ניס, ראָזינקעס, צימרינג און עטוואָס וויין, וואָס מאַכט אַ פּאַפּ, אָדער קלעע, צום אָנדענקען פון די ליים (זכר לטיט), וואָס אונזערע על-טערען האָבען געקנאָטען צו מאַכען ציגעל פאַר די פּיראַמידען אין מצרים. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז דאָס אַן אַנגענעהמער קאָמפּאָט, און ער ווערט געברויכט אַלס געגענמיטעל אָבצושוואַ-כען דאָס שאַרפקייט פון דעם מרור.

6. **כרפס.** פּעטרושקע, סעלערי, אָדער אַנדערע גרינס, גע-ברויכט אַלס אַ זייטיגע שפּייז צו דער סעודה.

7. **זאַלץ-וואַסער.** אין וואָס מען טונקט איין די פּעטרוש-קע, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען די קינדער צו פרעגען אַ קשיא, ווייל דאָס איז ניט דער געוועהנליכער מנהג ביי דער סעודה. — דיזע סימבאָלישע זאַכען ווערען אַוועקגעשטעלט אויף אַ טעלער אָדער טאַץ אויפ'ן טיש נעבען דעם בעל-הבית'ס זיץ.

8. די פיער כוסות וויין. יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט וואָס זיצט אַרום טיש, מוז טרינקען פיער כוסות וויין ביים סדר. דאָס איז אַ רמז (סימבאָל) צו די פיער אויסדריקען פון אויסלייזונג, וועלכע זיינען דערמאָנט אין דער תורה: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי — „איך וועל אייך אַ ר ו י ס נ ע ה מ ע ן, איך וועל אייך אַ ר ו י ס ר אַ ט ע ו ו ע ן פון שקלאַפעריי, איך וועל אייך א ו י ס ל י י ז ע ן, איך וועל אייך נ ע ה מ ע ן פאַר אַ פאָלק“ (שמות ו, ו־ז).

9. דער כוס פון אליהו הנביא. נאָכדעם ווי דער דריטער כוס איז אָנגעפילט מיט וויין, גיסט מען אָן אַ גרויסען כוס, וועלכען מען שטעלט אין מיטען טיש, לכבוד אליהו הנביא, דער שליח פון גאָט, וואָס וועט קומען אָנזאָגען די בשורה טובה דאָס משיח קומט, און ער וועט צונויפפּאַסען די הערצער פון די עלטערען מיט זייערע קינדער און די הערצער פון די קינדער מיט זייערע עלטערען (מלאכי ג, כד). דאָס פּאַסט גראָד צום סדר, וואָס איז ספּעציעל געמאַכט פאַר די קינדער. אַנדערע מפרשים זיינען אין דער מיינונג, דאָס דער כוס איז פאַר די אורחים, וועלכע זיינען איינגעלאַדען צו קומען צו יעדער צייט פון סדר. און דארום איז דער מנהג צו עפענען די טיר, אַז זיי זאָלען קענען גלייך אַריינגעהן.

10. די הסבה־בעט. דער בעל־הבית, וועלכער פיהרט די צערעמאָניע פונ׳ם סדר, זיצט אָנגעלעהנט אויף זיין לינקער זייט, אויף אַ קישען, ווען ער טרינקט די כוסות וויין, אָדער ווען ער עסט דעם אפיקומן. דאָס אָנלעהנען מאַכט אַ באַקוועמע פּאָזע, לויט דער מאָדע פון די אַלטע רוימער, אום צו צייגען, דאָס זיי זיינען פרייע מענשען, האָבען זיי זיך אָנגעלעהנט אויף אַ בעט אָדער קאַנאַפּע, און דאָס איז געוואָרען אַ סימבאָל פון פרייהייט.

די הגדה איז אילוסטרירט מיט די צייכנונגען פון דעם ארטיסט לאַלאָ, קאָפּירט פון „אוצר פירושים וציורים — הגדה של פסח“. איינינגע ציורים זיינען קאָפּירט פון דעם גרויסען מאַלער דאַרעי, אונטער וועלכע זיין נאָמען איז פערצייכענט.

בדיקת חמץ.

THE SEARCH FOR LEAVEN.

בודקין ביום י"ג ניסן אחר תפלת ערבית בזמנה (ואם חל ערב פסח בשבת, בודקין ביום ה' בערב).

On the 13th day of Nisan, after the Evening Prayer, the Search begins. When the first day of Pesah falls on Saturday the Search is made on Thursday Evening, previously.

בדיקת חמץ



בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל־בִּעוּר חָמֵץ:

אחר הבדיקה יניח את החמץ במקום אחד ויאמר: "כל חמירא".

On completing the Search make the following declaration:

כָּל־חֲמִירָא וַחֲמִיעָא, דְּאִכָּא בִרְשׁוּתִי, דְּלָא חֲמִתֵּהּ, וּדְלָא בִעַרְתֵּהּ, לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

(למחרתו) שְׂרֵפַת הַחָמֵץ וּבִטּוּלוֹ.

The Burning of the Leaven and Declaration of Annulment.

(the following day)

כָּל־חֲמִירָא וַחֲמִיעָא, דְּאִכָּא בִרְשׁוּתִי, דַּחֲמִתֵּהּ וּדְלָא חֲמִתֵּהּ, דְּבִעַרְתֵּהּ וּדְלָא בִעַרְתֵּהּ, לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

די פראָגראַם

די אָרדנונג פון סדר איז ווי פאָלגט:

קדש. — מאַכען קידוש.

ורחץ. — וואַשען די הענד.

כרפס. — עסען גרינס.

יחץ. — טיילען די מיטעלסטע מצה.

מגיד. — זאָגען די הגדה.

רחצה. — וואַשען די הענד צום עסען.

מוציא־מצה. — די ברכות פון המוציא און אכילת מצה.

מרור. — עסען ביטערע קריי־טער.

כורך. — איינוויקלען דעם מרור אין מצה.

שלחן עורך. — גרייטען דעם טיש צום עסען.

צפון. — עסען דעם בעהאַלטע־נעם אפיקומן.

ברך. — בענשען.

הלל. — זאָגען הלל.

נרצה. — בעפרידיגונג.



ערב פסח — רייניגען די הויז פאר פסח

עירוב תבשילין.

Eruv Tavshilin on Erev-Yom-Tov.

יום טוב שחל בערב שבת צריכים לעשות עירוב תבשילין בערב יום טוב.

Permission to prepare meals for Sabbath on a Holiday occurring on a Friday.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל־מִצְוַת עֵרוּב:

בַּהֲדֵין עֵרוּבָא יְהֵא שָׁרֵא לָנָא לְמֵיפָא, וּלְבַשָּׁלָא, וּלְאַצְלָיָא, וּלְאַטְמָנָא, וּלְאַדְלָקָא שְׁרָגָא וּלְתַקָּנָא, וּלְמֶעְבַּד כָּל־צָרְכָּנָא, מִיּוֹמָא טָבָא לְשַׁבַּתָּא. לָנוּ, וּלְכָל־יִשְׂרָאֵל, הַדָּרִים בָּעִיר הַזֹּאת:

סימנים לסדר, בדרך שיר.

MNEMONICS FOR THE SEDER ARRANGEMENT.

קַדֵּשׁ. וּרְחַץ.
כַּרְפַּס. יַחַץ.
מַגִּיד. רָחְצָה.
מוֹצִיא. מַצָּה.

מָרוֹר. כּוֹרֵךְ.
שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ.
צָפוּן. בָּרֵךְ.
הַלֵּל. נִרְצָה.

עירוב תבשילין

אום יום־טוב מעג מען טהאָן אַ מלאכה צוליעב „אוכל נפש“, דאָס הייסט, אַלעס וואָס איז נויטיג צום עסען: באַקען, קאָכען און ליכט אָנצינדען, וועלכעס איז ניט ערלויבט אום שבת. דארום ווען יום־טוב געפאַלט ערב שבת, מוז מען מאַכען אַן „עירוב תבשילין“ ערב יום־טוב פאַרנאַכט.

דער עירוב בעשטעהט פון אַ חלה מיט אַ געריכט (אַ שטי־קעל פיש, פלייש, אָדער אַ האַרט־געקאָכטע איי, אַלעס געלייגט אויף אַ טעלער). דאָס ווערט בעטראַכט אַלס דער אָנפאַנג פון צוגרייטען עסען אויף שבת, און צוליעב דעם אָנפאַנג וואָס ווערט געמאַכט ערב יום־טוב, מעג מען שוין ענדיגען אום יום־טוב אַלע צוגרייטונגען צום עסען אויף שבת.

דעריבער, ווען פסח געפאַלט דאָנערשטאַג און פרייטאָג, דאַרף דער בעל־הבית אָדער אַן אַנדערער (ווען דער בעל־הבית איז ניט צו הויז) מאַכען דעם עירוב. ער הויבט אויף דעם טעלער מיט'ן עירוב אין זיין האַנד און זאָגט די ברכה:

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הער־שער פון דער וועלט, וועלכער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און האָט אונז בעפוילען צו מאַכען אַן עירוב.

דורך דיזען עירוב זאָל אונז ערלויבט זיין צו באַ־קען, צו קאָכען, און שפייזען צו ערהאַלטען וואַרים; ליכט אָנצוצינדען, און איבערהויפט פאַרטיג צו מאַכען אַלעס נויטיגע אום יום־טוב אויף קומענדען שבת. דיזע ערלויבנים דורכ'ן עירוב איז גילטיג פאַר אונז, ווי פאַר יעדען איד וואָס וואָהנט אין דיזער שטאָדט (וואָס האָט פאַרגעסען אָדער קען ניט מאַכען קיין עירוב תבשילין).

אַן עירוב תבשילין וועט זיין נויטיג צו מאַכען פאַר פסח אין צווישען די פאָלגענדע דרייסיג יאָהר:

1928, 1929, 1931, 1932, 1935, 1942, 1945, 1949, 1952, 1955, 1959.

הגדה של פסח

מוזג הכוס הראשונה ומקדש:

1. KIDDUSH is recited. On Friday evening commence:

קַדֵּשׁ



ויהי ערב ויהי בקר

יוֹם הַשִּׁשִּׁי: וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל־צְבָאָם: וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, מִכָּל־מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה: וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת־יוֹם הַשְּׁבִיעִי, וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ, כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל־מְלַאכְתּוֹ, אֲשֶׁר־בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת:

כשחל בחול מתחילין כאן; ובשבת מוסיפין המלות הסגורות:

On weekdays commence here; on Friday evening add the words in brackets;

סַבְרִי מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל־עָם, וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל־לָשׁוֹן, וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וַתִּתֶּן

1. קדש. צוערשט מאַכט מען קידוש ווי אין אַלע ימים־טובים. ווען דער ערשטער טאָג פסח פאַלט אום שבת, זאָל מען זאָגען וואָס געהער צו שבת, אָדער ווען דער צווייטער טאָג פסח געפאַלט אום זונטאָג, זאָל מען זאָגען דעם המבדיל וואָס געהער צו מוצאי־שבת.

(פרייטאָג צו נאַכט פאַנגט מען אָן :)

„עס איז געוואָרען אָוועטד און עס איז געוואָרען מאָרגען — דער זעקסטער טאָג.

„אזוי זיינען פערטיג געוואָרען הימעל און ערד און אלע זייערע הערשאַפטען. אום זיבעטען טאָג האָט שוין גאָט געהאַט פאַרטיג זיין אַרבייט וואָס ער האָט געמאַכט און ער האָט גערוהט אין זיבעטען טאָג פון אַלע זיינע אַרבייט; דאַרום האָט גאָט געבענשט דעם זיבעטען טאָג און האָט איהם געהייליגט, ווייל אין דיעזען טאָג האָט גאָט גערוהט פון צו מאַכען די אַלע אַרבייט וואָס ער האָט בעשאַפען.“

(אום וואָכענטאָג פאַנגט מען אָן דאָ; פרייטאָג צו־נאַכט זאָל מען צולייגען די ווערטער וואָס זיינען אין קלאַמערען :)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט בעשאַפען די פרוכט פון וויינבוים.

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט אונז אויסדערוועהלט איבער יעדעס פאָלק און אונז אויפגעהויבען איבער יעדער נאַציאָן, און האָט אונז הייליג געמאַכט דורך זיינע מצוות, און מיט ליעבע האָט ער אונז געשענקט [שבתים צום רוהען], פרעהליכע פייערטעג און לוסטיגע ימים־טובים, נעמליך דיזען [שבת און דיזען] יום־טוב פון מצות, וועלכער איז די פעסט־צייט פון אונזער פריי־הייט, [מיט ליעבע] אַ הייליגער פערזאַמלונג, צום אָנ־

לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בְּאַהֲבָה [שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּ] מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה, חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן, אֶת־יוֹם [הַשַּׁבָּת הַזֶּה, וְאֶת־יוֹם] חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה, זְמַן חֵרוּתֵנוּ, [בְּאַהֲבָה,] מִקְרָא קֹדֶשׁ, זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ, וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ, מִכָּל־הָעַמִּים. [וְשַׁבָּת] וּמוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ [בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן] בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן הִנְחַלְתָּנוּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, מְקַדֵּשׁ [הַשַּׁבָּת וְ] יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים: אומרים שהחיינו.

אם חל ליל פסח במוצאי שבת מוסיפין נר והבדלה.

On Saturday night add the following:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל, בֵּין אוֹר לְחֹשֶׁךְ, בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים, בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה. בֵּין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִקְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הִבְדַּלְתָּ. וְאֶת־יוֹם הַשְּׁבִיעִי מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה קִדַּשְׁתָּ. הִבְדַּלְתָּ וְקִדַּשְׁתָּ אֶת־עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בִּקְדֻשָּׁתֶךָ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הַמַּבְדִּיל בֵּין־קֹדֶשׁ לְקֹדֶשׁ:

דענקען פון יציאת מצרים. אַזוי אַרום האָט ער אונז ער־ וועהלט פון אַנדערע פעלקער, אונז געהייליגט, און אונז געשענקט אַלס ערבשאַפט [דעם שבת, און] די הייליגע פייערטעג [מיט ליעבע און מיט גוטען ווילען], מיט פרייד און מיט לוסטיגקייט. געלויבט איז דער איי־ ביגער וואָס הייליגט [דעם שבת און] ישראל און די פעסט־צייטען.

(אום מוצאי־שבת זאָגט מען:)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הער־

קידוש — די פאַמיליע ביים סדר

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ, וְקִיְּמָנוּ, וְהִגִּיעָנוּ, לַזְּמַן הַזֶּה:

וישתה יין הכוס בהסיבת שמאל וכן שאר הכוסות:

Drink the First Cup of Wine.



וּרְחַץ

בעל הבית נוטל את ידיו ואינו מברך נטילת ידים.

2. WASHING the hands. This requires no benediction.



כַּרְפַּס

בעל הבית לוקח ירק פחות מכזית ויטבל במי מלח או בחומץ, ויברך:

3. GREENS: Dip the parsley in the salt-water and say the benediction.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה:

שער פון דער וועלט, וואָס האָט בעשאַפען די ליכט פון פייער.

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס מאַכט אַן אונטערשיעד צווישען דאָס הייליגע און וואָכעדיגע, צווישען ליכט און פינסטערניש, צווישען ישראל און אַנדערע פעלקער, צווישען דעם זיבעטען טאָג און די זעקס אַרבייטס־טעג; וואָס אונטערשיידעט די היילגקייט פון שבת פון די היילגקייט פון יום־טוב *), און האָט געהייליגט דעם זיבעטען טאָג איבער די וואָכענטעג. אַזוי האָט ער אונטערשיעדען און געהייליגט זיין פאָלק ישראל מיט זיין היילגקייט. געלויבט איז דער אייביגער, וואָס מאַכט אַן אונטערשיעד צווישען היילגקייט און היילגקייט.

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט אונז געשאָנקען דאָס לעבען, אונז דערהאַלטען אין געזונד און אונז דערגרייכט צו דיעזער פעסט־צייט.

(מען טרינקט דעם ערשטען כוס וויין)

2. רחץ. מען וואַשט זיך די הענד און מען זאָגט נ י ט די ברכה על נטילת ידים, ווייל צו וואַשען די הענד פאַר פרוכט און גרינס איז ניט קיין חוב נאָר אַ רשות.

3. כרפס. מען טונקט איין די פעטרושקע אין זאַלץ־וואַסער און מען מאַכט די ברכה:

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט בעשאַפען די פרוכט פון דער ערד.

---

*) דער אונטערשיעד צווישען שבת און יום־טוב אין היילגקייט איז, דאָס אום יום־טוב מעג מען קאָכען און באַקען וואָס מען דאַרף צו עסען אום יום־טוב, אויך מעג מען אַנצינדען ליכט.



יַחַץ.

יקח המצה האמצעית מן ג׳ המצות ויבצענה לשתים ויצניע החלק הגדול לאפיקומן:

4. DIVISION: Break in two the middle Matzah, laying aside the larger half for the Afikomon.



מַגִּיד

מגביהין המצות ואומרים כהא לחמא:

5. RECITATION of the Hagada. The Host lifts up the Matzoth and chants the following Introduction:

The Seder Dish



קערת הסדר

4. יחץ. מען צוברעכט די מיטעלסטע מצה אין צוויי טהיילען. איין טהייל לאָזט מען ליגען צווישען די צוויי מצות, די אַנדערע העלפט בעהאַלט מען פאַר אַן אפיקומן. דער אפיקומן סימבאָליזירט דעם קרבן פסח, וואָס מען האָט געגעסען ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען. דאָס איז דער לעצטער ביסען פון דער סעודה, כדי דער טעם זאָל בלייבען אין מויל. אין מאַנכע מדינות מאַכען זיך די קינדער אַ שפּאַס צו גנב'ענען דעם אפיקומן און האַלטען איהם אלם משכון כדי צו קריגען אַ בעלוינונג, ווען זיי גיבען איהם צוריק. געוועהנליך מאַכט זיך דער פאָטער ניט ווי־סענדיג און לאָזט די קינדער שפּיעלען די קאָמעדיע, כדי זיי געבען אַ געלעגענהייט זיך צו אינטערעסירען מיט'ן סדר. דער מנהג שטאַמט אייגענטליך פון אַ טעות אין פּשט פון דעם מאמר אין די גמרא: „מען זאָל כ א פּ ע ן (חוטפים) די מצות פּסח ביינאַכט, כדי די קינדער זאָלען ניט איינשלאָפען" (פּסחים קט.). דאָס וואָרט „חוטפים" (כאַפּען) האָט צוויי באַדייטונגען. דאָ אָבער מיינט מען ניט גנב'ענען, נאָר שנעל זיך פערטיג מאַכען.

5. מגיד. זאָגען די הגדה, וועלכע דערצעהלט די מעשה פון יציאת מצרים.

(דער בעל־הבית הויבט אויף די מצות און זאָגט מיט אַ ניגון דיעזע ערקלעהרונג:)

דאָס איז גלייך צו דעם איינפאַכען *) ברויט, וואָס

*) די מצה איז איינפאַך ברויט, ווייל עס ענטהאַלט בלויז מעהל מיט וואַסער. קיינע אַנדערע מישונג איז ניט ערלויבט. — דאָס ציהט זיך פון אַכטען יאָהרהונדערט. ווען דיזער פאָרשריפט איז פערפאַסט געוואָרען אין אַראַמעאיש, די דאַמאָלסדיגע פאָלקס־שפּראַך. עס ווייזט אַרויס דעם גייסט פון הכנסת אורחים אין יענער צייט, צו איינלאַדען אָרימע לייט צו דער סעודה פון יום־טוב. מאַנכע האָבען דאָס געטאָן אַ גאַנץ יאָהר, אַזוי ווי רב הונא. ווען ער האָט געגעסען אַ מאָלצייט, האָט ער געעפענט די טיר פון זיין הויז און אויסגערופען: „ווער עס איז הונ־געריג זאָל אַריינקומען עסען" (תענית כ:).



הָא לַחְמָא עַנְיָא, דִּי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם, כָּל־דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵכוֹל, כָּל־דִּצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח, הָשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל, הָשַׁתָּא עַבְדֵי, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין:

מוזגין הכוס השניה וקטן המסובים שואל:

The Second Cup is filled; the youngest competent person at the table asks:

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה, מִכָּל־הַלֵּילוֹת?

שֶׁבְּכָל־הַלֵּילוֹת, אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה:

שֶׁבְּכָל־הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה (כֻּלּוֹ) מָרוֹר:

אונזערע עלטערען האבען געגעסען אין מצרים. זאלען אלע וועלכע זיינען הונגעריג קומען מיט־עסען, און אלע וואס זיינען נויטבעדערפטיג, זאלען קומען און פייערען מיט אונז דעם פסח. דיזעס יאהר זיינען מיר נאך דא, אבער קומענדעס יאהר, האפען מיר, וועלען מיר זיין אין ארץ־ישראל; דיזעס יאהר זיינען מיר נאך אונטער אנדערע הערשאפט, אבער אין קומענדען יאהר וועלען מיר זיין פרייע מענשען.

(מען פילט אן דעם צווייטען כוס מיט וויין: דער איינגסטער פון די אנוועזענדע, וועלכער איז פעהיג דערצו, פרעגט די קשיות:)

ווארום איז די היינטיגע נאכט אנדערש פון אלע אנדערע נעכט פונ'ם יאהר?

(ערשטענס) אין אלע אנדערע נעכט מעגען מיר עסען סיי חמץ, סיי מצה. אבער אין דער היינטיגער נאכט פון פסח, ווארום דארפען מיר עסען נאר בלויז מצה?

(צווייטענס) אין אלע אנדערע נעכט עסען מיר פערשיעדענע גרינסען, אבער אין היינטיגער נאכט, ווארום עסען מיר נאר בלויז מרור?

(דריטענס) אין אלע אנדערע נעכט טונקען מיר ניט איין די גרינסען, אבער אין היינטיגער נאכט, ווארום טונקען מיר איין צוויי מאל? *)

(פיערטענס) אין אלע אנדערע נעכט עסען מיר, אמאל זיצענדיג און אמאל אנגעלעהנט, אבער אין דער היינטיגער נאכט ווארום זיצען מיר אלע נאר אנגעלעהנט?

*) איינמאל כרפס אין זאלץ־וואסער און דעם צווייטען מאל מרור אין חרוסת.

שֶׁבְּכָל־הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין, אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת, הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְּעָמִים:

שֶׁבְּכָל־הַלֵּילוֹת, אָנוּ אוֹכְלִין, בֵּין יוֹשְׁבִין, וּבֵין מְסֻבִּין, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין:

בעל הבית וכל המסובים עונים:

The Host conjointly with the company at the table respond:

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וַיּוֹצִיאֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ מִשָּׁם, בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה, וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֶת־אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, הֲרֵי אָנוּ, וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ, מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת־הַתּוֹרָה, מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרָיִם. וְכָל־הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח:

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ, וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲזַרְיָה, וְרַבִּי עֲקִיבָא, וְרַבִּי טַרְפוֹן, שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי־בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, כָּל־אוֹתוֹ

(דער ענטפער אויף די פיער קשיות גיט דער בעל־הבית, צו־זאַמען מיט די אַנוועזענדע וועלכע זיצען אַרום טיש: *)

עבדים היינו — מיר זיינען געווען פרעה׳ס קנעכט אין מצרים, ביז דער אייביגער, אונזער גאָט, האָט אונז אַרויסגעצויגען פון דאָרטען מיט אַ שטאַרקער מאַכט און מיט גרויסע קרעפטען **). אין פאַל ווען הקדוש ברוך הוא וואָלט ניט געווען אַרויסגענומען אונזערע עלטערען פון מצרים, דאַן וואָלטען מיר און אויך אונזערע קינדער און קינדס־קינדער געבליבען פערשקלאַפט ביי פרעה׳ן אין מצרים. דאַרום איז אונזער פליכט צו דערצעהלען די פאַסירונג פון יציאת מצרים, און צו לויבען גאָט פאַר זיין דערלייזונג. ווען אפילו מיר וואָלטען געווען חכמים, פערשטענדיגע, זקנים, און גוט געלערנטע אין דער תורה, פון דעסטוועגען איז אַ מצוה צו דער־צעהלען און רעדען וועגען יציאת מצרים. יאָ, וואָס מעהר איינער דערצעהלט פון יציאת מצרים, אַלץ מעהר קומט איהם אַ שבח.

מיר מעגען נעהמען אַ ביישפיעל פון די גרויסע תלמודיסטען, רבי אליעזר, רבי יהושע, רבי אלעזר בן עזריה, רבי עקיבא און

---

*) דער ענטפער דערקלעהרט, וואָרום פסח־נאַכט איז אַנדערש ווי די אַנדערע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר. ווייל מיר זיינען אויסגעלייזט גע־וואָרען פון שקלאַפעריי און מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים אין דער נאַכט פון פסח, דאַרום מאַכט מען די ענדערונגען, כדי מען זאָל געדענקען דעם נס פון יציאת מצרים, און כדי מען זאָל אויפמערקזאַם מאַכען די קינדער, זיי זאָלען פרעגען די אורזאַכע דערפון, און דער פאַ־טער זאָל דערצעהלען די נסים ונפלאות, וועלכע גאָט האָט געטאָן מיט אונזערע עלטערען בשעת יציאת מצרים, דאַמיט וועלען זיי לערנען און וויסען די אידישע געשיכטע.

**) דברים ו, כא.

הַלַּיְלָה, עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, שֶׁל שַׁחֲרִית:

אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲזַרְיָה. הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה, וְלֹא זָכִיתִי, שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת. עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא. שֶׁנֶּאֱמַר: לְמַעַן תִּזְכֹּר, אֶת־יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ. „יְמֵי חַיֶּיךָ" הַיָּמִים. „כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" הַלֵּילוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים: „יְמֵי חַיֶּיךָ" הָעוֹלָם הַזֶּה. „כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ" לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ:



בָּרוּךְ הַמָּקוֹם. בָּרוּךְ הוּא. בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל. בָּרוּךְ הוּא. כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה. אֶחָד חָכָם, וְאֶחָד רָשָׁע, וְאֶחָד תָּם, וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל:

רבי טרפון, וועלכע האָבען אָבגעריכט דעם סדר אין בני־ברק *) און האָבען פערבראַכט די גאַנצע נאַכט דערצעהלענדיג וועגען די פאַסירונגען פון יציאת מצרים, ביז וואַנען זייערע תלמידים זיינען געקומען און האָבען געזאָגט צו זיי: „אונזערע רביים! עס איז שוין געקומען די צייט צו לייענען קריאת שמע פון שחרית“.

די תלמודיסטען דערצעהלען יציאת מצרים. — זייערע תלמידים

*) אַ שטאָדט אין ארץ־ישראל (יהושע יט, מה). מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען חסידים פון פוילען דאָרט געגרינדעט אַ קאָלאָניע.

חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר? מָה הָעֵדֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים, אֲשֶׁר צִוָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ אֶתְכֶם? וְאַף אַתָּה אֱמָר־לוֹ כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח: אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן:

רָשָׁע מָה הוּא אוֹמֵר? מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם! לָכֶם וְלֹא לוֹ. וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא אֶת־עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל, כָּפַר בָּעִקָּר. וְאַף אַתָּה הַקְהֵה אֶת־שִׁנָּיו, וֶאֱמָר־לוֹ: בַּעֲבוּר זֶה, עָשָׂה יְיָ לִי, בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם, „לִי” וְלֹא־לוֹ. אִלּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל:

תָּם מָה הוּא אוֹמֵר? מַה זֹּאת? וְאָמַרְתָּ אֵלָיו: בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיאָנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים:

וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, אַתְּ פְּתַח לוֹ. שֶׁנֶּאֱמַר: וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ, בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר: בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יְיָ לִי, בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם:

יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ, תַּלְמוּד לוֹמַר „בַּיּוֹם הַהוּא”. אִי בַּיּוֹם הַהוּא. יָכוֹל מִבְּעוֹד יוֹם. תַּלְמוּד לוֹמַר.

דער זעלבער רבי אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט: „איך בין שוין כמעט זיבעציג יאָהר אַלט, און אין דער גאַנצער צייט האָב איך ניט געהאַט די זכיה צו בעווייזען דאָס עס איז אַ פליכט צו דערצעהלען וועגען יציאת מצרים ביינאַכט, אַזוי גוט ווי בייטאָג, ביז בן זומא האָט גע׳דרשנ׳ט דעם פסוק: „כדי דו זאָלסט געדענ־קען דעם טאָג פון דעם אַרויסגעהן פון מצרים ,כל ימי חייך׳ — אַלע טעג פון דיין לעבען״ *). ווען עס וואָלט שטעהן געשריבען „ימי חייך״ — דיינע טעג, וואָלט עס געמיינט בלויז די טעג, אָבער ווען עס שטעהט געשריבען „כל ימי חייך״ — אַלע טעג פון דיין לעבען, מיינט עס אויך די נעכט. אַנדערע חכמים דרשנ׳ען: „ימי חייך״ מיינט מען עולם הזה, דיזע וועלט, און „כל ימי חייך״ — ווייזט אויף דער צייט ווען משיח וועט קומען.

געלויבט איז דער אַלגעגענווערטיגער, געלויבט איז ער, וואָס האָט געגעבען צו זיין פאָלק ישראל די תורה, וועלכע פער־פפליכט יעדען פאָטער צו דערצעהלען און דערקלעהרען יציאת מצרים זיינע קינדער, וואָס מאַנכע מאָל בעשטעהען זיי פון פיער פערשידענע כאַראַקטערע: איינער איז אַ חכם (סטודענט), איי־נער — אַ רשע (אַ ספּאָרט), איינער — אַ תם (אַן איינפאַכער) און איינער — אַ שאינו יודע לשאול (אַן אונוויסענדער).



די פיער זיהן פון דער הגדה

*) דברים טז, ג.

"בַּעֲבוּר זֶה". בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי, אֶלָּא בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר, מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ:

־־תְּחִלָּה עוֹבְדֵי אֱלִילִים הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ. וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ. שֶׁנֶּאֱמַר: וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־כָּל־הָעָם. כֹּה אָמַר יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, בְּעֵבֶר הַנָּהָר יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵעוֹלָם, תֶּרַח אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר. וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים: וָאֶקַּח אֶת־אֲבִיכֶם אֶת־אַבְרָהָם מֵעֵבֶר הַנָּהָר, וָאוֹלֵךְ אוֹתוֹ בְּכָל־־אֶרֶץ כְּנָעַן. וָאַרְבֶּה אֶת־זַרְעוֹ, וָאֶתֶּן לוֹ אֶת־יִצְחָק: וָאֶתֵּן לְיִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וְאֶת־עֵשָׂו. וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת־הַר שֵׂעִיר, לָרֶשֶׁת אוֹתוֹ. וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם:

בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ לְיִשְׂרָאֵל. בָּרוּךְ הוּא. שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חִשַּׁב אֶת־הַקֵּץ לַעֲשׂוֹת, כְּמָה

דער חכם (סטודענט) פרעגט געװעהנליך: װאָס בעדייטען די פרינציפּען, געזעצען און רעכטע, װעלכע דער אייביגער, אונזער גאָט, האָט אייך בעפוילען? *) — איהם זאָלסטו דער־קלערען די איינצעלהייטען פון די געזעצען װעגען פּסח, ביז צו דעם פּרינציפּ דאָס „מען זאָל ניט עסען אַ נאָכשפּייז נאָכ׳ן קרבן פּסח״.

דער רשע (ספּאָרט), װאָס זאָגט ער? „װאָס בעצװעקט דיזע האָרעװאַניע ביי א י י ך?״. מיט זיין אויסדריקען די װער־טער „ביי אייך״ און ניט „ביי אונז״, האָט ער זיך אַרויסגענומען פון כלל, און דאַדורך האָט ער פערלייקענט די איינינקייט פונ׳ם פאָלק, װאָס איז אַ װיכטיגער פּרינציפּ אין אידענטום. אויב אַזוי, זאָלסטו איהם ענטפערען אויפ׳ן זעלבען שטייגער, און מאַך איהם טעמפּ זיינע ציינער און זאָג איהם: „דאָס איז צוליעב דעם, װאָס דער אייביגער האָט געטאָן מיט מיר, װען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים״ **). זאָלסט אויסדריקען דאָס װאָרט „מיר״ — אָבער ניט „איהם״, װייל ער װאָלט ניט געװען בערעכטיגט אויס־געלייזט צו װערען, אויב ער װאָלט דאָרטען געװען אין דער צייט פון יציאת מצרים.

---

*) דברים ו, כ.

**) שמות יג, ח. — דאָס איז ניט קיין ריכטיגער רשע, נאָר אַ ספּאָרט, װאָס זוכט פערגעניגען און קימערט זיך װעניג װעגען אידישע מנהגים. דער חכם זאָגט אויך „װאָס גאָט האָט א י י ך בעפוילען״, װי אין פּסוק שטעהט, ער װיל װירקליך װיסען די אַלע דינים און מנהגים פון פּסח, כדי זיי אָבצוהיטען. אָבער דער רשע זוכט נאָר זיין אייגענעם נוצען, און איהם פערדריסט פאַר װאָס מען מאַכט אַזאַ גערודער איבער דעם סדר.

שֶׁאָמַר לְאַבְרָהָם אָבִינוּ בִּבְרִית בֵּין הַבְּתָרִים.
שֶׁנֶּאֱמַר: וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם, יָדֹעַ תֵּדַע, כִּי־גֵר יִהְיֶה
זַרְעֲךָ, בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם, וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם, אַרְבַּע
מֵאוֹת שָׁנָה: וְגַם אֶת־הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ, דָּן אָנֹכִי.
וְאַחֲרֵי־כֵן יֵצְאוּ, בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל:

ישא הכוס בידו ויאמר בקול רם:

Raise the Cup of Wine and recite :



וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ
וְלָנוּ. שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד,
עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ.
אֶלָּא שֶׁבְּכָל־דּוֹר וָדוֹר,
עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ.
וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם:

יניח הכוס על השלחן ויאמר:

Replace the Cup on the table and say :

צֵא וּלְמַד, מַה־בִּקֵּשׁ לָבָן הָאֲרַמִּי לַעֲשׂוֹת לְיַעֲקֹב

דער תם (איינפאַכער) זאָגט: „וואָס איז דאָס?" — איהם זאָלסטו דערצעהלען: „דאָס דער אייביגער, מיט זיין גרוי־סער מאַכט, האָט אונז אַרויסגענומען פון קנעכטשאַפט אין מצרים" 1).

וואָס אַנבעלאַנגט דעם אונוויסענדען זוהן, וואָס איז נאָך צו־יונג צו פרעגען אַ פראַגע, איהם זאָלסטו אַליין 2) אויפקלערען די זאַך: „דו זאָלסט דערצעהלען דיין זוהן אין יענעם טאָג און זאָגען: דאָס איז צו צייגען וואָס דער אייביגער האָט געטאָן מיט מיר, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים" 3).

די חכמים האָבען גע'דרשנ'ט דיעזען פסוק ווי פאָלגט: מען קען מיינען דאָס מען דאַרף אָנפאַנגען דערצעהלען יציאת מצרים נאָך פון ראש חודש ניסן אָן (צוויי וואָכען פריהער), דאַרום שטעהט „ביום ההוא" — אין יענעם טאָג (פון פסח); מען קען פיליכט דענקען, דאָס מען דאַרף אָנפאַנגען דערצעהלען ערב פסח בין הערבים, ווען עס איז נאָך טאָג, דאַרום שטעהט „בעבור זה" — דאָס איז אום צו צייגען. בעבור זה — צוליעב אָט דאָס! וואָס מיינט, דאָס די מצוה צו דערצעהלען יציאת מצרים איז נאָר ביי־נאַכט, בשעת מען קען אָנצייגען אויף די מצה און מרור, וועלכע ליגען ביי דיר אויפ'ן טיש 4).

---

1) שמות יג, יד.

2) את פתח לו. דאָס וואָרט את (אנשטאט אתה) איז לשון נקבה, אַ רמז דאָס די קליינע קינדער זאָל די מוטער לערנען און זיי אויפקלערען די מעשה פון יציאת מצרים.

3) שמות יג, ח.

4) די פאַרשטעלונג, אַנווייזענדיג אויף די מצה און מרור, דריקט אוים קלאָר די בעדייטונג פון יציאת מצרים.

אָבִינוּ. שֶׁפַּרְעֹה לֹא גָזַר אֶלָּא עַל־הַזְּכָרִים. וְלָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקֹר אֶת־הַכֹּל. שֶׁנֶּאֱמַר: אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי, וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה, וַיָּגָר־שָׁם בִּמְתֵי מְעָט. וַיְהִי־שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל, עָצוּם וָרָב:

וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה. אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר. וַיָּגָר־שָׁם. מְלַמֵּד שֶׁלֹּא יָרַד יַעֲקֹב אָבִינוּ לְהִשְׁתַּקֵּעַ בְּמִצְרַיִם, אֶלָּא לָגוּר שָׁם. שֶׁנֶּאֱמַר: וַיֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה, לָגוּר בָּאָרֶץ בָּאנוּ, כִּי־אֵין מִרְעֶה לַצֹּאן אֲשֶׁר לַעֲבָדֶיךָ, כִּי־כָבֵד הָרָעָב בְּאֶרֶץ כְּנָעַן. וְעַתָּה, יֵשְׁבוּ נָא עֲבָדֶיךָ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן:

בִּמְתֵי מְעָט. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ, יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה. וְעַתָּה, שָׂמְךָ יְיָ אֱלֹהֶיךָ, כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב:

וַיְהִי־שָׁם לְגוֹי. מְלַמֵּד שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִים שָׁם:

גָּדוֹל עָצוּם. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל,

(אַ אַנדער נוסח פון דער הגדה *)

אונזערע אור־עלטערן, פאַר לאַנגע צייטען, זיינען געוועזן געצענדיענער, ביז אונזער פאָטער אברהם האָט אַנערקענט די אמת'ע גאָטהייט. איצט זיינען מיר נאָהענט צו גאָט און מיר דיענען איהם אַליין. אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „יהושע האָט גערעדט צום גאַנצען פאָלק, אַזוי האָט געזאָגט דער אייביגער, דער גאָט פון ישראל: אויף יענער זייט טייך (מזרח זייט פון פרת) האָבען אייערע אור־עלטערן פון אייביג אָן געוואוינט. תרח, דער פאָטער פון אברהם און פון נחור. דאַן האָב איך אַרויסגענומען אייער פאָטער אברהם פון יענער זייט טייך און האָב איהם דורכגעפיהרט דאָס גאַנצע לאַנד כנען. איך האָב איהם געבענשט מיט פיעל קינדער, פון וועלכע דער עיקר איז געוועזן יצחק. יצחק האָט געהאַט צוויי זיהן, יעקב און עשו. צו עשו האָב איך געשענקט דאָס לאַנד פון הר שעיר, אָבער יעקב מיט זיין פאַמיליע האָבען געמוזט אויסוואַנדערען אין מצרים **).

נון מוזען מיר דאַנקען גאָט, ווייל ער האָט אָבגעהיט זיין צוזאָג צו ישראל. געלויבט איז הקדוש ברוך הוא, וואָס האָט אויסגערעכענט דעם סוף פון גלות, אַזוי ווי ער האָט פערשפּראָכען צו אברהם אבינו, ווען ער האָט מיט איהם געשלאָסען דעם בונד „צווישען די שטיקער" (ברית בין הבתרים) און צו איהם געזאָגט: „זאָלסט וויסען זיין, דאָס דיינע קינדער וועלען וואוינען אין אַ פרעמדען לאַנד און וועלען זיין פערשקלאַפט צו אַ פאָלק,

*) דאָס איז דער צווייטער נוסח פון תלמוד (פסחים קטז:) דאָס די הגדה זאָל זיך אָנפאַנגען מיט דער געשיכטע פון אברהם'ס פאָטער תרח, וועלכער האָט געדיענט עבודה זרה, און ענדיגען מיט אברהם, וועלכער האָט אנערקענט גאָט, און זיינע נאָכפאָלגער, די בני־ישראל, וואָס דיענען דעם זעלבען גאָט. ווי די משנה זאָגט: „מען פאַנגט אָן מיט די חסרונות און מען ענדיגט מיט די מעלות". רב זאָגט, מען פאַנגט אָן מתחלה עובדי עבודה זרה, און שמואל זאָגט, מען פאַנגט אָן עבדים היינו. מיר זאָגען לויטביידע נוסחאות. **) יהושע כד, ב־ד.

פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ, וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ, בִּמְאֹד מְאֹד. וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם:

וָרָב. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ, וַתִּרְבִּי, וַתִּגְדְּלִי וַתָּבֹאִי בַּעֲדִי עֲדָיִים. שָׁדַיִם נָכֹנוּ, וּשְׂעָרֵךְ צִמֵּחַ, וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה:

וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ. וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה קָשָׁה:

וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ. פֶּן־יִרְבֶּה וְהָיָה, כִּי־תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה, וְנוֹסַף גַּם־הוּא עַל־שֹׂנְאֵינוּ, וְנִלְחַם־בָּנוּ וְעָלָה מִן־הָאָרֶץ:

וַיְעַנּוּנוּ. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וַיָּשִׂימוּ עָלָיו שָׂרֵי מִסִּים, לְמַעַן עַנֹּתוֹ בְּסִבְלֹתָם: וַיִּבֶן עָרֵי מִסְכְּנוֹת לְפַרְעֹה, אֶת־פִּתֹם וְאֶת־רַעַמְסֵס:

וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה קָשָׁה. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ:

וַנִּצְעַק אֶל־יְיָ אֱלֹהֵי אֲבֹתֵינוּ, וַיִּשְׁמַע יְיָ אֶת־קֹלֵנוּ, וַיַּרְא אֶת־עָנְיֵנוּ, וְאֶת־עֲמָלֵנוּ, וְאֶת־לַחֲצֵנוּ.

וואָס וועט זיי שלעכט בעהאַנדלען און פּייניגען, אַ צייט פון פיער הונדערט יאָהר; איך וועל אָבער בעשטראָפען דאָס פאָלק וואָס וועט זיי האַלטען פערשקלאַפּט, און דערנאָך וועלען זיי אַרויס־געהן מיט פיעל האָב און גוטס *).

(מען הייבט אויף דעם כוס וויין, מיט עהרע צו גאָט, און מען זאָגט מיט אַ העכערען טאָן:)

און אָט דיזע הבטחה פון גאָט איז בייגעשטאַנען אונזערע על־טערן, אַזוי גוט ווי צו אונז. וואָרים באמת איז יציאת מצרים ניט געווען די איינציגע פּאַסירונג וואָס גאָט האָט אונז גערעטעט פון פּרעה, וועלכער האָט אונז געוואָלט אומברענגען, נאָר אין יעדען דור שטעהען אויף טיראַנען וואָס ווילען אונז פערניכטען, אָבער הקדוש ברוך הוא רעטעט אונז תמיד אַרויס פון זייערע הענד.

(מען שטעלט אַוועק דעם כוס צוריק)

מען דאַרף נאָר שטודירען גענוי צו פערשטעהן די שלעכטע כוונת פון לבן דעם אַראַמעער, געגען אונזער פאָטער יעקב. עס איז זיכער, דאָס לבן האָט געוואָלט נאָך איבערשטייגען פּרעה'ן, וועל־כער האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה צו ערמאָרדען בלויז די אידישע זכרים, אָבער לבן האָט געפּלאַנעוועט צו פערניכטען אַלעמען — זכרים און נקבות. ווי עס שטעהט אין פּסוק: דער ארמי (לבן) האָט געוואָלט פערניכטען מיין פאָטער (יעקב), איז ער געגאַנ־גען נאָך מצרים און ער האָט דאָרטען געוואוינט מיט אַ קליינע פאַמיליע. אָבער ער איז דאָרטען געוואָרען אַ נאַציאָן, גרויס און מעכטיג, אַ פיעלפאַכעס פאָלק **).

די חכמים דרשנ'ען דאַרויף, טייטשענדיג ווערטער: „ער איז גע־גאַנגען נאָך מצרים" — ניט מיט זיין גוטען ווילען, נאָר ער איז געצוואונגען געווען צו געהן לויט גאָט'ס בעפעהל; „ער האָט דאָרטען געוואוינט" — מיר לערנען דערפון, דאָס יעקב'ס כוונה איז געווען ניט דאָרטען צו פערבלייבען שטענדיג, נאָר צייט־

*) בראשית טו. **) דברים כו, ה־ז.



וַנִּצְעַק אֶל־יְיָ אֱלֹהֵי אֲבֹתֵינוּ. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם, וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם, וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ. וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל־הָאֱלֹהִים מִן־הָעֲבֹדָה:

וַיִּשְׁמַע יְיָ אֶת־קֹלֵנוּ. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת־נַאֲקָתָם. וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת־בְּרִיתוֹ, אֶת־אַבְרָהָם, אֶת־יִצְחָק וְאֶת־יַעֲקֹב:

וַיַּרְא אֶת־עָנְיֵנוּ. זוֹ פְּרִישׁוּת דֶּרֶךְ אֶרֶץ. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. וַיֵּדַע אֱלֹהִים:

וְאֶת־עֲמָלֵנוּ. אֵלּוּ הַבָּנִים. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: כָּל־הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ, וְכָל־הַבַּת תְּחַיּוּן:

וְאֶת־לַחֲצֵנוּ. זוֹ הַדְּחַק. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וְגַם־רָאִיתִי אֶת־הַלַּחַץ, אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אֹתָם:

וַיּוֹצִאֵנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם, בְּיָד חֲזָקָה, וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה, וּבְמֹרָא גָּדֹל. וּבְאֹתוֹת וּבְמֹפְתִים:

וויליג צו וואוינען: „זיי (יעקב'ס זיהן) האָבען געזאָגט צו פּרעה'ן: מיר זיינען געקומען וואוינען צייטווייליג אין לאַנד, ווייל עס פעהלט אונז אויס פּאַשע פאַר די שאָף, צוליעב דעם שווערען הונגער וואָס הערשט אין כנען, דערוויייל וועלען מיר וואוינען אין גושן" 1); „מיט אַ קליינע פאַמיליע" — ווי עס שטעהט: „מיט זיבעציג פּערזאָן זיינען דיינע אור־עלטערן אַוועק אין מצרים און איצט האָט דיך גאָט געמאַכט פיעל אין צאָהל, ווי די שטערן אין הימעל" 2); „און ער איז דאָרט געוואָרען אַ נאַציאָן" — דאָס מיינט, דאָס די בני ישראל זיינען געוואָרען אַנערקענט אַלס אַן אויסגעצייכענט פאָלק; „גרוים און מעכטיג" — אַזוי ווי עס שטעהט: „די בני ישראל זיינען געווען פרוכטבאַר, זיי האָבען זיך געמעהרט און האָבען זיך געשטאַרקט זעהר שנעל, דאָס לאַנד איז געוואָרען אָנגעפילט מיט זיי" 3); „אַ פיעלפאַכעס פאָלק" — אַזוי ווי עס שטעהט: „איך האָב דיך צאָהלרייך געמאַכט ווי דאָס גראָז פונ'ם פעלד; דו ביזט גרעסער געוואָרען, אויסגעוואַקסען און געקומען אין יוגענד־שעהנעם עלטער; דיינע בריסט זיינען רונד געוואָרען און דיינע האָר לאַנג געוואַקסען; אָבער דו ביזט געווען ענטבלויזט און נאַקעט" 4).

„די מצריים האָבען אונז שלעכט בעהאַנדעלט, זיי האָבען אונז געפּייניגט און בעלעסטיגט מיט שווערע אַרבייט. מיר האָבען געשריען צום אייביגען, אונזער גאָט, און גאָט פון אונזערע עלטערן, און דער אייביגער האָט געהערט אונזער שטימע, ער האָט געזעהן אונזער פּיין, אונזערע ליידען און אונזער אונטער־דריקונג" 5).

„די מצריים האָבען אונז שלעכט בעהאַנדעלט" — ווי עס שטעהט: „פּרעה האָט געזאָגט צו זיין פאָלק: קומט, מיר מוזען קלוג האַנדלען מיט זיי, פיליכט וועלען זיי זיך מעהרען, און אין פאַל ווען אַ קריעג וועט אויסברעכען, וועלען זיי זיך אָנשליסען צו

1) בראשית מז. 2) דברים י, כב. 3) שמות א, ז. 4) יחזקאל טז, ז. 5) דברים כו, ה־ז.

וַיּוֹצִאֵנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם. לֹא עַל־יְדֵי מַלְאָךְ. וְלֹא עַל־יְדֵי שָׂרָף. וְלֹא עַל־יְדֵי שָׁלִיחַ. אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ. שֶׁנֶּאֱמַר: וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה, וְהִכֵּיתִי כָל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, מֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה. וּבְכָל־אֱלֹהֵי מִצְרַיִם, אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים, אֲנִי יְיָ:

וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ־מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה. אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ. וְהִכֵּיתִי כָל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם. אֲנִי וְלֹא שָׂרָף. וּבְכָל־אֱלֹהֵי מִצְרַיִם אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים, אֲנִי וְלֹא הַשָּׁלִיחַ. אֲנִי יְיָ אֲנִי הוּא וְלֹא אַחֵר:



־יָד חֲזָקָה. זוֹ הַדֶּבֶר. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: הִנֵּה יַד־יְיָ הוֹיָה, בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה, בַּסּוּסִים בַּחֲמֹרִים בַּגְּמַלִּים, בַּבָּקָר וּבַצֹּאן, דֶּבֶר כָּבֵד מְאֹד:

אונזערע פיינד, און וועלען שטרייטען געגען אונז, און דאַן גועלען זיי אַרויסגעהן פון אונזער לאַנד״ 1) ; „זיי האָבען אונז געפּײ־ ניגט״ — ווי עס שטעהט : „זיי (די מצריים) האָבען געזעצט איבער זיי (די בני ישראל) אויפזעהער, צו פּייניגען זיי מיט שווע־ רע לאַסטען, און האָבען געבויט מאַגאַזין־שטעדט פאַר פרעה — פּיתום און רעמסס״ 2) ; „און בעלעסטיגט מיט שווערע אַרבייט״ — „אַלע אַרבייט וואָס זיי האָבען פאַר זיי געטאָן, איז געווען זעהר שווער״ 3) ; „מיר האָבען געשריען צום אייביגען, אונזער גאָט, און גאָט פון אונזערע עלטערן״ — אַזוי ווי עס שטעהט : „אין פער־ לויף פון אַ לענגערע צייט איז געשטאָרבען דער קעניג פון מצרים, און די בני ישראל האָבען געזיפצט פון די שווערע אַרבייט, און זיי האָבען געשריען, און זייער געשריי איז אַרויפגעגאַנגען צו גאָט״ 4) ; „און דער אייביגער האָט געהערט אונזער שטימע״ — ווי עס שטעהט : „גאָט האָט געהערט זייער יאָמער און האָט זיך דערמאָנט זיין בונד מיט אברהם, מיט יצחק און מיט יעקב״ ; „ער האָט געזעהן אונזער פּיין״ — דאָס מיינט, דאָס די מענער זיינען געוואָרען אָבגעזונדערט פון זייערע פרויען, אַזוי ווי עס שטעהט : „גאָט האָט בעטראַכט דעם צושטאַנד פון די בני ישראל און גאָט האָט פערשטאַנען די לאַגע״ 5) ; „אונזערע ליידען״ — דאָס זיינען די קינדער, ווי עס שטעהט : „יעדער זוהן וואָס וועט געבוירען ווערען, וואַרפט איהם אַריין אין טייך (נילוס), אָבער יעדער טאָכטער לאָזט לעבען״ 6) ; „אונזער אונטערדריקונג״ — דאָס מיינט, ענג מאַכען אונזער לעבען, ווי דער פסוק זאָגט : „איך האָב געזעהן די אונטערדריקונגען מיט וועלכע די מצריים אונ־ טערדריקען זיי״ 7).

דאַן האָט אונז דער אייביגער אַרויסגענומען פון מצרים מיט אַ שטאַרקע האַנד, מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם, מיט גרויסע שרעקען, מיט צייכענס און וואונדערטהאַטען״ 8).

---

1) שמות א, י. 2) שמות א, יא. 3) שמות א, יד. 4) שמות ב, כג. 5) שמות ב, כה. 6) שמות א, כג. 7) שמות ג, ט. 8) דברים כו, ח.

וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה. זוֹ הַחֶרֶב. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ, נְטוּיָה עַל־יְרוּשָׁלָיִם:

וּבְמוֹרָא גָּדוֹל. זוֹ גִּלּוּי שְׁכִינָה. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: אוֹ הֲנִסָּה אֱלֹהִים, לָבוֹא לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי, בְּמַסֹּת בְּאֹתֹת וּבְמוֹפְתִים וּבְמִלְחָמָה, וּבְיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה, וּבְמוֹרָאִים גְּדֹלִים. כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה לָכֶם, יְיָ אֱלֹהֵיכֶם, בְּמִצְרַיִם לְעֵינֶיךָ:

1. Water changing to Blood — דם

וּבְאֹתוֹת. זֶה הַמַּטֶּה. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וְאֶת־הַמַּטֶּה הַזֶּה, תִּקַּח בְּיָדֶךָ. אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה־בּוֹ אֶת הָאֹתֹת:

„**דער** אייביגער האָט אונז ארויסגענומען פון מצרים" — ניט דורך אַ מלאך, ניט דורך אַ שרף (פייערדיגען ענגעל), און ניט דורך אַן אנדער שליח, נאָר דער היילינער גאָט [געלויבט איז זיין נאָמען], ער אליין. — ווי אין פסוק שטעהט: „איך וועל דורכגעהן דאָס לאַנד מצרים אין דער דאָזיגער נאַכט, און איך וועל דערשלאָגען יעדען בכור אין מצרים, פון אַ מענש, ביז אַ בהמה, און איך וועל אויספיהרען אַ שטראָף איבער אַלע אָבגעטער פון מצרים — איך בין דער אייביגער!" 1). די חכמים ערקלעהרען די בעדייטונג פון דאָס פירוואָרט „איך" אין דיזען פסוק: „איך וועל דורכגעהן דאָס לאַנד מצרים אין דער דאָזיגער נאַכט" — איך אליין, אָבער ניט קיין מלאך; „איך וועל דערשלאָגען יעדען בכור אין מצרים" — איך אַליין, אָבער ניט קיין שרף; „און איך וועל אויספיהרען אַ שטראָף איבער אַלע אָבגעטער פון מצרים" — איך אַליין, אָבער ניט קיין שליח; „איך דער אייביגער" — איך אַליין, און ניט קיין אַנדערער.

„**מיט** אַ שטאַרקער האַנד" — דאָס מיינט מען די מגפה אויף די בהמות, אַזוי ווי אין פסוק שטעהט: „די האַנד פון גאָט וועט שלאָגען דיין פיה וואָס איז אין פעלד, די פערד, די אייזלען, די קעמלען, די רינדער און די שאָף — אַ זעהר שווערע מגפה" 2); „מיט אויסגעשטרעקטען אָרעם" — דאָס מיינט מען דעם שווערד [פון מלאך המות צו הרג'ענען די בכורים], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: „זיין אויסגעשטרעקטער שווערד האַלט ער (דער מלאך המות) אין זיין האַנד, געוועגדעט געגען ירושלים" 3); „מיט גרויסע שרעקען" — דאָס מיינט מען די אָפענבאַרונג פון דער שכינה, אַזוי ווי עס שטעהט: „האָט ווען עס איז אירגענד אַ העכערע קראַפט פרובירט קומען אַרויסנעהמען אַ פאָלק פון אַ פאָלק, מיט פרופונגען, צייכענס און וואונדער, מיט קריעג, מיט אַ שטאַרקע האַנד, מיט אויסגעשטרעקטען אָרעם און גרויסע שרע-

1) שמות יב. יב. 2) שמות ט. ג. 3) דברי הימים כא. טז.

וּבְמוֹפְתִים. זֶה הַדָּם. כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר: וְנָתַתִּי מוֹפְתִים, בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

נוהגין להטיף מהכוס שלש טפות יין כשאומר דם ואש וכו׳

It is customary to spill out three drops of wine from the cup when saying th.se words.

דָּם. וָאֵשׁ. וְתִמְרוֹת עָשָׁן:

2. Frogs — צפרדע

דָּבָר אַחֵר. בְּיָד חֲזָקָה שְׁתַּיִם. וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה שְׁתַּיִם. וּבְמוֹרָא גָּדוֹל שְׁתַּיִם. וּבְאוֹתוֹת שְׁתַּיִם. וּבְמוֹפְתִים שְׁתַּיִם: אֵלּוּ עֶשֶׂר מַכּוֹת שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל־הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם וְאֵלּוּ הֵן:

דער ברית בין הבתרים (גאָט׳ס בונד מיט אברהם — זעה זייט 13)

יטיף טפה יין מהכוס בכל אחת מהעשר מכות, וכן שלש טפות באמירת שלשת הסימנים דצ״ך עד״ש באח״ב

It is customary to dip the small finger in the cup and spill out a drop of wine at the mention of each plague.



3. Vermin -- כנים

דָּם. צְפַרְדֵּעַ. כִּנִּים. עָרוֹב. דֶּבֶר. שְׁחִין. בָּרָד. אַרְבֶּה. חֹשֶׁךְ. מַכַּת־בְּכוֹרוֹת:

רַבִּי יְהוּדָה הָיָה נוֹתֵן בָּהֶם סִמָּנִים:

דְּצַ״ךְ עֲדַ״שׁ בְּאַחַ״ב:

רַבִּי יוֹסֵי הַגְּלִילִי אוֹמֵר: מִנַּיִן אַתָּה אוֹמֵר, שֶׁלָּקוּ הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם עֶשֶׂר מַכּוֹת, וְעַל הַיָּם לָקוּ חֲמִשִּׁים מַכּוֹת. בְּמִצְרַיִם מָה הוּא אוֹמֵר: וַיֹּאמְרוּ הַחַרְטֻמִּם

קען, אזוי ווי דער אייביגער, אייער גאָט, האָט געטאָן אין מצרים, פאַר אייערע אויגען?״ 4); „מיט צייכענס״ — דאָס איז דער שטעקען, אזוי ווי עס שטעהט: „נעם אין האַנד דעם דאָזיגען שטעקען, מיט וועלכען דו וועסט מאַכען די צייכענס״ 5); „און וואונדער־טהאַטען״ — דאָס מיינט מען די מכה פון בלוט, אַזוי ווי עס שטעהט: „איך וועל בעווייזען וואונדער אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד: בלוט, פייער און זיילען רויך״ 6).

אַנדערע חכמים דרשנ׳ען דעם פסוק, דאָס ער בעציהט זיך אויף די צעהן מכות: „מיט אַ שטאַרקע האַנד״ — צוויי; „אויס־געשטרעקטען אָרעם״ — צוויי; „גרויסע שרעקען״ — צוויי; „צייכענס״ — צוויי; „וואונדער־טהאַטען״ — צוויי. די צעהן מכות, וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף די מצריים זיינען ווי פאָלגט: *)

בלוט, פרעש, לייז, ווילדע חיות, מגפה אויף בהמות, הויט־ענטצינדונג, האָגעל, היישעריי־קען, פינסטערניש, מגפה אויף בכורים.

רבי יהודה האָט געמאַכט דריי ווערטער פון די עשר מכות מיט די ראשי תיבות, אַזוי:

דצ״ך עד״ש באח״ב

רבי יוסי הגלילי גיט אַנצוזעהערען, דאָס מען קען פערגרעסערען די צעהן מכות וואָס די מצריים האָבען געליטען, און לייגט צו פופציג מכות וואָס די מצריים האָבען געליטען אויפ׳ן ים. ער

---

4) דברים ד, לד. 5) שמות ד, יז. 6) יואל ג, ג.

*) עס איז אַ מנהג מען זאָל דעם קליינעם פינגער איינטונקען אין כוס און אַרויסגיסען אַ טראָפּען וויין יעדעס מאָל מען דערמאָנט אַ מכה, כדי צו צייגען, אַז מיר זיינען פריי פון די מכות. אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „אַלע קראַנקהייטען, וועלכע איך האָב געבראַכט אויף מצרים, וועל איך אויף דיר ניט בריינגען, דען איך בין דיין אייביגער, דיין רופא״ (שמות טו, כו).

אֶל־פַּרְעֹה, „אֶצְבַּע אֱלֹהִים הוּא״. וְעַל־הַיָּם מָה הוּא אוֹמֵר. וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת־„הַיָּד הַגְּדוֹלָה״, אֲשֶׁר עָשָׂה יְיָ בְּמִצְרַיִם, וַיִּירְאוּ הָעָם אֶת־יְיָ. וַיַּאֲמִינוּ בַּייָ, וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ: כַּמָּה לָקוּ „בְּאֶצְבַּע״, עֶשֶׂר מַכּוֹת. אֱמוֹר מֵעַתָּה, בְּמִצְרַיִם, לָקוּ עֶשֶׂר מַכּוֹת, וְעַל־הַיָּם, לָקוּ חֲמִשִּׁים מַכּוֹת:

4. Noxious Animals — ערוב

רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר: מִנַּיִן שֶׁכָּל־מַכָּה וּמַכָּה, שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל־הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם, הָיְתָה שֶׁל אַרְבַּע מַכּוֹת. שֶׁנֶּאֱמַר: יְשַׁלַּח־בָּם חֲרוֹן אַפּוֹ, עֶבְרָה

מאַכט פעסט זיין בעהויפטונג מיט אַ דרש אויפ'ן פסוק: „די מכשפים האָבען געזאָגט צו פרעה (אויף די מכה כנים): „עס איז אַ פינגער פון גאָט" *). דאָס צייגט, אַז די מכשפים האָבען גערעכענט, דאָס גאָט ברענגט אַלע צעהן מכות מיט איין פינגער, אָבער שפּעטער, בעת די מצריים זיינען דערטרונקען געוואָרען אין

די מצריים האָבען פערשקלאַפּט די בני ישראל און זיי בעלעסטיגט מיט שווערע ארבייט

*) שמות ח, טו.

5. Deadly-pest on the cattle — דבר

וָזַעַם וְצָרָה,
מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי
רָעִים: „עֶבְרָה"
אַחַת. „וָזַעַם"
שְׁתַּיִם. „וְצָרָה"
שָׁלֹשׁ. „מִשְׁלַחַת
מַלְאֲכֵי רָעִים"
אַרְבַּע: אֱמוֹר
מֵעַתָּה, בְּמִצְרַיִם
לָקוּ אַרְבָּעִים מַכּוֹת, וְעַל הַיָּם, לָקוּ מָאתַיִם מַכּוֹת:

רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר. מִנַּיִן שֶׁכָּל־מַכָּה וּמַכָּה, שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ עַל־הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם, הָיְתָה שֶׁל חָמֵשׁ מַכּוֹת. שֶׁנֶּאֱמַר: יְשַׁלַּח בָּם חֲרוֹן אַפּוֹ, עֶבְרָה וָזַעַם וְצָרָה, מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים. „חֲרוֹן אַפּוֹ"

ים סוף, שטעהט: „ישראל האָט געזעהן די גרויסע האַנד־שלאַג, מיט וועלכער דער אייביגער האָט בעשטראָפט מצרים, און דאָס פאָלק האָט געהאַט מורא גאָט פאַר גאָט און האָבען געגלויבט אין גאָט און אין זיין קנעכט משה" *). ער רעכענט אויס, אויב איין פינגער ברענגט צעהן מכות, ברענגט דאָך אַ האַנד, וואָס האָט פינף פינגער, — פופציג מכות.

רבי אליעזר גלויבט, דאָס יעדע הויפט מכה פון די צעהן מכות איז געוועזן צוזאַמענגעשטעלט פון פיער עלעמענטאַרע מכות. אַזוי ווי עס צייגט דער פסוק אין תהלים, וואָס בעצייכענט די מכות פון מצרים: „ער האָט אויף זיי אָנגעשיקט זיין ברענענדען צאָרן: וואוטה, פלוך, אונגליק און אַנשיקעניש פון בייזע מלאכים **). — וואוטה איז איינס, פלוך — צוויי, אונגליק — דריי, בייזע מלאכים — פיער. פון דאַנען איז געדרונגען דאָס אין מצרים האָבען זיי געהאַט פערציג מכות (פיער מאָל צעהן) און אויפ'ן ים — צוויי הונדערט מכות (פיער מאָל פופציג).

רבי עקיבא וויל האָבען, דאָס דער דאָזיגער פסוק איז גאָר מרמז, אַז יעדע הויפט־מכה איז געוועזן צוזאַמענגעשטעלט פון פינף מכות. ער צעהלט אַזוי: ברענענדיגען צאָרן איז איינס, וואוטה — צוויי, פלוך — דריי, אונגליק — פיער, בייזע מלאכים — פינף. לויט דיעזען רעכענונג קומט אויס, דאָס די צעהן מכות פון מצרים זיינען געוועזן פינף־פאַך, אַלזאָ פופציג מכות, און אויפ'ן ים — צוויי הונדערט און פופציג מכות.

אויף דעם זעלבען אופן קענען מיר פיעלפאַך פערמעהרען די מעלות, וואָס גאָט האָט מיט אונז געטאָן, און פאַר דיזע אַלע גוטע זאַכען זיינען מיר מחויב גאָט צו דאַנקען.

---

*) שמות יד, לא. **) תהלים עח, מט.

אַחַת. „עֶבְרָה״
שְׁתַּיִם. „וָזַעַם״
שָׁלשׁ. „וְצָרָה״
אַרְבַּע. „מִשְׁלַחַת
מַלְאֲכֵי רָעִים״
חָמֵשׁ: אֱמוֹר,
מֵעַתָּה, בְּמִצְרַיִם,
לָקוּ חֲמִשִּׁים
מַכּוֹת, וְעַל־הַיָּם,
לָקוּ חֲמִשִּׁים
וּמָאתַיִם מַכּוֹת:

6. Boils — שחין



־־מָּה מַעֲלוֹת טוֹבוֹת לַמָּקוֹם
עָלֵינוּ:

אִלּוּ הוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרַיִם
וְלֹא־עָשָׂה בָהֶם שְׁפָטִים.
דַּיֵּנוּ:

(דער בעל־הבית זאָגט:)

למשל (צום ביישפּיעל), ווען גאָט וואָלט פאַר אונז געטאָן ניט מעהר ווי אונז ארויסנעהמען פון מצרים, ווען אפילו ער וואָלט ניט בעשטראָפט די מצריים —

(די אנוועזענדע ענטפערען:) * **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט שוין יאָ בעשטראָפט די מצריים, נאָר ער וואָלט ניט צושטערט זייערע געטער —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט אויך צושטערט זייערע געטער, נאָר ער וואָלט ניט אויסגע׳הרג׳עט זייערע בכורים —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט אויסגע׳הרג׳עט זייערע בכורים, נאָר ער וואָלט אונז ניט געגעבען זייערע פערמעגענס **)

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט געגעבען זייער פערמעגענס, נאָר ער וואָלט ניט געשפּאָלטען דעם ים פאַר אונז —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט געשפּאָלטען דעם ים פאַר אונז, נאָר ער וואָלט ניט געמאַכט דאָס מיר זאָלען אריבער־געהן דעם ים אין דער טרוקעניש —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

---

*) דאָס מיינט, עס וואָלט פאַר אונז געווען איבער גענוג און מיר וואָלטען געווען העכסט צופריעדען. **) שמות יא, ב.

אִלּוּ עָשָׂה בָהֶם שְׁפָטִים וְלֹא־עָשָׂה בֵאלֹהֵיהֶם, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ עָשָׂה בֵאלֹהֵיהֶם וְלֹא הָרַג אֶת־בְּכוֹרֵיהֶם, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ הָרַג אֶת־בְּכוֹרֵיהֶם וְלֹא־נָתַן לָנוּ אֶת־מָמוֹנָם, דַּיֵּנוּ:

7. Hail and Lightning — ברד

אִלּוּ נָתַן לָנוּ אֶת־מָמוֹנָם וְלֹא־קָרַע לָנוּ אֶת־הַיָּם, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ קָרַע לָנוּ אֶת־הַיָּם וְלֹא־הֶעֱבִירָנוּ בְתוֹכוֹ בֶּחָרָבָה, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ הֶעֱבִירָנוּ בְתוֹכוֹ בֶּחָרָבָה וְלֹא שִׁקַּע צָרֵינוּ בְּתוֹכוֹ, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ שִׁקַּע צָרֵינוּ בְּתוֹכוֹ וְלֹא־סִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה, דַּיֵּנוּ:

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט אונז דורכגעפיהרט דעם ים אין דער טרוקעניש, נאָר ער וואָלט ניט דערטרונקען אין איהם אונזערע שונאים —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט דערטרונקען אונזערע שונאים אין ים, נאָר ער וואָלט ניט בעפרידיגט אַלע אונזערע בעדערפענישען אין דער מדבר דורך אַ צייט פון פערציג יאָהר —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ווען ער וואָלט בעפרידיגט אַלע אונזערע בע־דערפענישען אין דער מדבר דורך צייט פון פערציג יאָהר, נאָר ער וואָלט אונז ניט געשפייזט מיט מן —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ער וואָלט אונז געשפייזט מיט מן, נאָר ער וואָלט אונז ניט געשענקט אַ רוהע־טאָג —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)

למשל, ער וואָלט אונז געשענקט דעם שבת, נאָר ער וואָלט אונז ניט צוגעפיהרט צום באַרג סיני *) —

(אנוועזענדע:) **דיינו.**

---

*) די מצוה צו היטען שבת האָבען מיר בעקומען צוזאַמען מיט'ן מן אין מרה, איידער מיר האָבען בעקומען די עשרת הדברות אויפ'ן באַרג סיני.

אִלּוּ סִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה,

וְלֹא־הֶאֱכִילָנוּ אֶת־הַמָּן, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ הֶאֱכִילָנוּ אֶת־הַמָּן וְלֹא־נָתַן לָנוּ אֶת־הַשַּׁבָּת, דַּיֵּנוּ:



8. Locust — ארבה

אִלּוּ נָתַן לָנוּ אֶת־הַשַּׁבָּת וְלֹא־קֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר־סִינַי, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ קֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר־סִינַי וְלֹא־נָתַן לָנוּ אֶת־הַתּוֹרָה דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ נָתַן לָנוּ אֶת־הַתּוֹרָה וְלֹא־הִכְנִיסָנוּ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דַּיֵּנוּ:

אִלּוּ הִכְנִיסָנוּ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְלֹא־בָנָה לָנוּ

אֶת־בֵּית הַבְּחִירָה, דַּיֵּנוּ:

(בעל־הבית:)
למשל, ווען ער וואָלט אונז צוגעפיהרט צום באַרג, צו זעהן די הערליכקייט פון גאָט'ס שכינה, ווען אפילו ער וואָלט אונז ניט געגעבען די תורה — (אַנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)
למשל, ווען ער וואָלט אונז געגעבען די תורה, נאָר ער וואָלט אונז ניט אַריינגעפיהרט אין ארץ ישראל —
(אַנוועזענדע:) **דיינו.**

(בעל־הבית:)
למשל, ווען ער וואָלט אונז אַריינגעפיהרט אין ארץ ישראל, נאָר ער וואָלט ניט אויפגעבויט פאַר אונז דעם בית־המקדש — (אַנוועזענדע:) **דיינו.**



משה רבינו הרג'עט דעם מצרי

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה, טוֹבָה כְפוּלָה וּמְכֻפֶּלֶת, לַמָּקוֹם עָלֵינוּ. שֶׁהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרַיִם. וְעָשָׂה בָהֶם שְׁפָטִים. וְעָשָׂה בֵאלֹהֵיהֶם. וְהָרַג אֶת־בְּכוֹרֵיהֶם. וְנָתַן לָנוּ אֶת־מָמוֹנָם. וְקָרַע לָנוּ אֶת־הַיָּם וְהֶעֱבִירָנוּ בְתוֹכוֹ בֶּחָרָבָה. וְשִׁקַּע צָרֵינוּ בְּתוֹכוֹ. וְסִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה. וְהֶאֱכִילָנוּ אֶת־הַמָּן. וְנָתַן

9. Darkness — חשך

לָנוּ אֶת־הַשַּׁבָּת. וְקֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר־סִינַי. וְנָתַן לָנוּ אֶת־הַתּוֹרָה. וְהִכְנִיסָנוּ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וּבָנָה לָנוּ אֶת־בֵּית הַבְּחִירָה לְכַפֵּר עַל־כָּל־עֲוֹנוֹתֵינוּ:

וויפיעל מעהר און מעהר דאַרפען מיר דאַנקבאַר זיין און לויבען
גאָט פאַר די אַלע דאָפּעלטע טובות, און מעלות, וועלכע
ער האָט אונז געטאָן: ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים,
בעשטראָפט די מצריים, צושטערט זייערע געטער און אויסגע=
הרג'עט זייערע בכורים; ער האָט אונז געגעבען זייער פערמע=
גענס, געשפּאָלטען דעם ים, אונז אַריבערגעפיהרט אין דער טרו=
קעניש און דערטרונקען אונזערע שונאים; ער האָט בעפרידיגט
אונזער בעדערפעניש אין דער מדבר דורך אַ צייט פון פערציג
יאָהר, און אונז געשפּייזט מיט מן; ער האָט אונז געשאָנקען דעם
שבת, געבראַכט נאָהענט צום באַרג סיני און אונז געגעבען די
תורה; ער האָט אונז אַריינגעבראַכט אין ארץ ישראל און האָט
אויפגעבויט דעם בית המקדש, אום צו פערגעבען אַלע אונזערע
זינד.

אייגענטליך איז יציאת מצרים דער שורש און אורשפרונג פון
דיעזע אַלע מעלות. דערפאַר האָט רבן גמליאל געזאָגט, אַז
עס איז דורכאויס נויטיג פאַר יעדען מענשען אַרויס צו צייגען ביים
סדר די דריי סימבאָלען פון יציאת מצרים, נעמליך:

פסח, מצה, מרור

(דער בעל-הבית צייגט אַן אויף דעם האַלב-געבראָטענעם שטיקעל
פלייש — די זרוע, וואָס איז אַ זכר לפסח — און פרעגט:)

דעם קרבן פסח וואָס אונזערע עלטערען פלעגען עסען בשעת דער
בית=המקדש איז געשטאַנען — צוליעב וואָס איז דאָס געווען?

(אַנוועזענדע:)

ווייל אונזער הייליגער [געלויבט איז ער] האָט „איבערגעהיפּט“
(אַזוי ווי דאָס וואָרט „פסח“ בעדייט) איבער די הייזער
פון אונזערע עלטערן אין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט: „איהר
זאָלט געבען אַן ערקלעהרונג וועגען דעם קרבן פסח: ווייל דער

רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר: כָּל־שֶׁלֹּא אָמַר שְׁלשָׁה דְּבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח. לֹא־יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ. וְאֵלּוּ הֵן: פֶּסַח. מַצָּה. וּמָרוֹר:

10. Death of firstborn — מכת בכורות

The Host points out the roasted bone as a symbol of the Paschal lamb, and asks:



פֶּסַח שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים בִּזְמַן שֶׁבֵּית־הַמִּקְדָּשׁ קַיָּם, עַל־שׁוּם מָה. עַל־שׁוּם שֶׁפָּסַח הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, עַל־בָּתֵּי

איביגער האָט איבערגעהיפּט איבער די הייזער פון די בני ישראל אין מצרים, ווען ער האָט די מגפה געשיקט אויף די מצריים, און אונזערע הייזער האָט ער בעשיצט, און דאָס פאָלק האָט געקניעט און זיך געבוקט" *).

(דער בעל־הבית ווייזט אָן אויף די מצה און פרעגט:)

דיעזע מצה וואָס מיר עסען — צוליעב וואָס איז דאָס?

(אָנטוועזענדע:)

ווייל די טייג, וועלכע אונזערע עלטערען האָבען מיטגענומען פון מצרים, האָט ניט בעוויזען איינגעזויערט צו ווערען ביז צו



משה און אהרן פאַר פרעה: „אזוי האָט געזאָגט דער איביגער, דער גאָט פון ישראל: לאָז ארויס מיין פאָלק צו מאַכען אַ פייערטאָג אין דער מדבר"

*) שמות יב. כז.

אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם. שֶׁנֶּאֱמַר: וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח־פֶּסַח הוּא לַיָי, אֲשֶׁר פָּסַח, עַל־בָּתֵּי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם, בְּנָגְפּוֹ אֶת־מִצְרַיִם, וְאֶת־בָּתֵּינוּ הִצִּיל. וַיִּקֹּד הָעָם וַיִּשְׁתַּחֲווּ:

אוחז בידו המצה ומראה אותה להמסובין, ויאמר:

He points to the Matzah and asks:

מַצָּה זוּ שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים עַל־שׁוּם מָה. עַל־שׁוּם, שֶׁלֹּא הִסְפִּיק בְּצֵקָם שֶׁל אֲבוֹתֵינוּ לְהַחֲמִיץ, עַד שֶׁנִּגְלָה עֲלֵיהֶם, מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וּגְאָלָם. שֶׁנֶּאֱמַר: וַיֹּאפוּ אֶת־הַבָּצֵק, אֲשֶׁר הוֹצִיאוּ מִמִּצְרַיִם, עֻגֹת מַצּוֹת כִּי לֹא חָמֵץ. כִּי־גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם, וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ, וְגַם־צֵדָה לֹא־עָשׂוּ לָהֶם:

אוחז בידו המרור ומראה אותו להמסובין, ויאמר:

He now points to the Bitter Herbs and asks:

מָרוֹר זֶה שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים עַל־שׁוּם מָה. עַל־שׁוּם, שֶׁמֵּרְרוּ הַמִּצְרִים אֶת־חַיֵּי אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר: וַיְמָרְרוּ אֶת־חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים, וּבְכָל־עֲבֹדָה בַּשָּׂדֶה. אֵת כָּל־עֲבֹדָתָם אֲשֶׁר עָבְדוּ בָהֶם בְּפָרֶךְ:

דער צייט ווען הקדוש ברוך, דער קעניג איבער אַלע קעניגען האָט זיך בעוויזען און האָט אונז אויסגעלייזט. אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: „זיי האָבען געבאַקען פון דעם טייג, וועלכעס זיי האָבען מיטגענומען פון מצרים, אונגעזויערטע קוכענס, ווייל עס איז ניט געזויערט געוועזען, ווייל זיי זיינען פערטריבען געוואָרען פון מצרים, און זיי האָבען ניט געקענט פערזאַמען זיך און האָבען ניט געקענט אָנגרייטען שפייז אויפ'ן וועג" 1).

(דער בעל־הבית ווייזט אַז אויפ'ן מרור און פרעגט:)

דיזע ביטערע גרינס, וועלכעס מיר עסען, צוליעב וואָס איז דאָס?

(אַנוועזענדע:)

ווייל די מצריים האָבען פערביטערט דאָס לעבען פון אונזערע עלטערען אין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט: „זיי האָבען פערביטערט זייער לעבען מיט שווערע ארבייט, צו מאַכען ליים און ציגעל, און אַלערליי פעלד־אַרבייט. אַלע אַרבייט וואָס זיי האָבען פאַר זיי געמאַכט, האָבען צובראָכען זייערע קערפּערס" 2).

עס איז דערפאַר די פליכט פון יעדען איינצעלנעם מענשען אין יעדען דור זיך אַליין צו בעטראַכטען אַלס איינער פון די וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: „דו זאָלסט דערצעהלען דיין זוהן אין יענעם טאָג און זאָגען: „דאָס איז צוליעב דעם, וואָס גאָט האָט געטאָן מיט מיר, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים" 3). וואָרים ניט נאָר אונזערע עלטערען אַליין האָט הקדוש ברוך הוא אויסגעלייזט פון מצרים, נאָר אויך אונז האָט ער אויסגעלייזט, צוזאַמען מיט זיי. אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „אונז האָט ער פון דאָרטען אַרויסגענומען, כדי צו ברייגגען אונז אין דעם לאַנד, וואָס ער האָט פערשפּראָכען צו אונזערע עלטערען" 4).

---

1) שמות יב, לט. 2) שמות א, יד. 3) שמות יג, ח. 4) דברים ו, כג.

בְּכָל־דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת־עַצְמוֹ, כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרָיִם. שֶׁנֶּאֱמַר: וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ, בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר. בַּעֲבוּר זֶה, עָשָׂה יְיָ לִי, בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם: לֹא אֶת־אֲבוֹתֵינוּ בִּלְבָד גָּאַל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֶלָּא אַף אוֹתָנוּ גָּאַל עִמָּהֶם. שֶׁנֶּאֱמַר: וְאוֹתָנוּ הוֹצִיא מִשָּׁם. לְמַעַן הָבִיא אֹתָנוּ, לָתֶת לָנוּ אֶת־הָאָרֶץ, אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֵינוּ:

ישא הכוס בידו ויאמר בקול רם:

Raise the Cup and recite:

לְפִיכָךְ, אֲנַחְנוּ חַיָּבִים לְהוֹדוֹת, לְהַלֵּל, לְשַׁבֵּחַ, לְפָאֵר, לְרוֹמֵם, לְהַדֵּר, לְבָרֵךְ, לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס, לְמִי שֶׁעָשָׂה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ, אֶת־כָּל־הַנִּסִּים הָאֵלּוּ. הוֹצִיאָנוּ מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת. מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה. וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב. וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל. וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה. וְנֹאמַר לְפָנָיו שִׁירָה חֲדָשָׁה, הַלְלוּיָהּ:

(מען הויבט אויף דעם כוס צו עהרען גאָט, און מען זאָגט:)

דערפאַר זיינען מיר מחויב צו דאַנקען, צו לויבען און צו ריהמען; צו בעשעהנען, צו דערהויבען און צו הויכטאַכטען; צו זעגנען, צו הויכשטעלען און צו עהרען דעם, וועלכער האָט געטוהן צו אונזערע עלטערען און אויך צו אונז דיעזע אַלע גרויסע נסים: ער האָט אונז אַרויסגענומען פון קנעכטשאַפט און געבראַכט צו פרייהייט, פון קומער צו פרייד, פון טרויער צו פעסט־טאָג, פון פינסטערניש צו גרויסער ליכט, פון דיענסטשאַפט צו דערלייזונג. פאַר דעם אַלעם וועלען מיר זינגען פאַר גאָט אַ נייעם געזאַנג — הללויה.

(תהלים קי״ג)

לויבט גאָט, איהר דיענער פון גאָט, לויבט איהם! געלויבט זאָל זיין גאָט׳ס נאָמען פון איצט ביז אייביג! פון מזרח־לאַנד, וואו די זון געהט אויף, ביז מערב־לאַנד, וואו די זון געהט אונטער, ווערט געלויבט גאָט׳ס נאָמען. גאָט איז ערהויבען ביי אַלע פעלקער. זיין ווירדיגקייט גרייכט ביז׳ן הימעל. ווער איז גלייך צו דעם אייביגען, אונזער גאָט? וועלכער ריכטעט זיין השגחה, פון זיין הויכען בעזיץ, פון טיעפען הימעל, ביז אויף דער ערד. ער הויבט אויף פון שטויב דעם אָרימאַן, פון מיסטהויפען דערהויבט ער דעם בעדערפטיגען. ער זעצט זיי אַוועק נעבען אַדעל־לייט — די אַדעל־לייט פון זיין פאָלק. ער בעזעצט ווידער די קינדערלאָזע הויז־פרוי אַלס אַ פרעהליכע מוטער פון קינדער.

(תהלים קי״ד)

ווען ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים,
יעקב׳ס הויזגעזינד — פון אַ פערדאָרבענעם פאָלק,
איז יהודה׳ס אָרט געוואָרען זיין הייליגטום,
ישראל׳ס לאַנד — זיין הערשאַפט.

יניח הכוס על השלחן, ויאמר:

Replace the Cup and say:



הַלְלוּיָהּ. הַלְלוּ עַבְדֵי יְיָ. הַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְיָ: יְהִי שֵׁם יְיָ מְבֹרָךְ. מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם: מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד־מְבוֹאוֹ. מְהֻלָּל שֵׁם יְיָ: רָם עַל־כָּל־גּוֹיִם יְיָ. עַל הַשָּׁמַיִם כְּבוֹדוֹ: מִי כַּיְיָ אֱלֹהֵינוּ. הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת: הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ: מְקִימִי מֵעָפָר דָּל. מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן: לְהוֹשִׁיבִי עִם־נְדִיבִים. עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ: מוֹשִׁיבִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת אֵם־הַבָּנִים שְׂמֵחָה, הַלְלוּיָהּ:

בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם. בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם לֹעֵז: הָיְתָה יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ. יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו: הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס. הַיַּרְדֵּן יִסֹּב לְאָחוֹר: הֶהָרִים רָקְדוּ כְאֵילִים. גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן: מַה־לְּךָ הַיָּם כִּי תָנוּס. הַיַּרְדֵּן



א געזאנג פון די לוים אויף די טרעפ פון בית המקדש. — הללויה!

תִּסֹּב לְאָחוֹר: הֶהָרִים תִּרְקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן: מִלִּפְנֵי אָדוֹן חוּלִי אָרֶץ. מִלִּפְנֵי אֱלוֹהַּ יַעֲקֹב: הַהֹפְכִי הַצּוּר אֲגַם־מָיִם. חַלָּמִישׁ לְמַעְיְנוֹ־מָיִם:

ישא הכוס בידו ויאמר:

Raise the cup and say the benediction:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וְגָאַל אֶת־אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, וְהִגִּיעָנוּ הַלַּיְלָה הַזֶּה, לֶאֱכָל־בּוֹ מַצָּה וּמָרוֹר. כֵּן, יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, יַגִּיעֵנוּ לְמוֹעֲדִים וְלִרְגָלִים אֲחֵרִים, הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם. שְׂמֵחִים בְּבִנְיַן עִירֶךָ, וְשָׂשִׂים בַּעֲבוֹדָתֶךָ, וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים, אֲשֶׁר יַגִּיעַ דָּמָם, עַל־קִיר מִזְבַּחֲךָ לְרָצוֹן, וְנוֹדֶה לְּךָ שִׁיר חָדָשׁ, עַל־גְּאֻלָּתֵנוּ, וְעַל־פְּדוּת נַפְשֵׁנוּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, גָּאַל יִשְׂרָאֵל:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:

ישתה יין הכוס השניה אחר הברכה.

Drink the Second Cup of Wine after the benediction.

דער ים סוף, זעהענדיג, איז אַנטלאָפען,
דער ירדן האָט זיך צוריקגעצויגען,
די בערג האָבען געשפּרונגען ווי ווידערס,
די היגעל — ווי לעמער.

וואָס פעהלט דיר, אָ ים, וואָס דו לויפסט?
דו ירדן, פאַרוואָס פעררוקסטו זיך הינטער?
וואָס איז אייך, בערג, וואָס איהר שפּרינגט ווי ווידער?
און איהר, היגעל, — ווי לעמער?

אָ, ציטער, דו ערד, פאַר דעם האַר,
פאַר דער געגענוואַרט פון יעקב'ס גאָט!
וועלכער פערוואַנדעלט אַ פעלז אין אַ שטראָם וואַסער,
אַ האַרטען גראַניט — אין וואַסער=קוואַלען.

(מען הויבט אויף דעם כוס וויין און מען זאָגט די שלום-ברכה)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט אויסגעלייזט אונז, אַזוי גוט ווי אונזערע עלטערען, פון מצרים; און האָט אונז געלאָזט לעבען ביז דער היינטיגער נאַכט פון פּסח, כדי מיר זאָלען קענען עסען מצה און מרור. אַזוי, בעטען מיר, זאָל דער אייביגער, אונזער גאָט, און דער גאָט פון אונזערע עלטערען, אונז לאָזען דערלעבען אַנדערע פעסט=צייטען און ימים=טובים, וואָס וועלען קומען אונז ענטקעגען אין פריידען און אין פרעהליכקייט, אין לוסטיגקייט אין דער צוקונפט, ווען גאָט'ס שטאָדט (ירושלים) וועט ווידער אויפגעבויט זיין, און די עבודה פון בית=המקדש וועט ווידער איינגעשטעלט ווערען. דאַמאָלס וועלען מיר עסען דעם קרבן חגיגה (פעסט=אָפּפער) און דעם קרבן פּסח, וואָס מען וועט מקריב זיין אויף דעם מזבח מיט גאָט'ס ווילען, און מיר וועלען דאַנקען גאָט מיט אַ נייעם געזאַנג פאַר אונזער נייער דערלייזונג, קערפּערליך און אויך גייסטיג. געלויבט איז גאָט, דער דערלייזער פון ישראל.



רָחְצָה.

רוחצים ידיהם פעם שנית ומברכין:

6. WASHING the hands before the meal; say the benediction:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל־נְטִילַת יָדָיִם:



מוֹצִיא, מַצָּה.

כל אחד מהמסובים לוקח כזית משתי המצות העליונות ומברך שתי הברכות האלה ואוכל בהסיבה:

7—8. MOTZI—MATZAH: The Host distributes to each one present a piece of the upper and of the middle Matzahs; each one makes the following two benedictions:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן־הָאָרֶץ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל־אֲכִילַת מַצָּה:

די ברידער פערקויפען יוסף'ן אלס שקלאף



מָרוֹר.

כל המסובים לוקחים כזית מרור וטובלים בחרוסת ומברכים:

9. BITTER HERBS: the Host distributes a morsel of horse-radish to each one present who says the benediction:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ עַל־אֲכִילַת מָרוֹר:



כּוֹרֵךְ.

ממצה התחתונה השלמה יחלק בעל הבית לכל אחד מהמסובים כזית, וכורכים עם מרור ואומרים:

10. WRAPPING up Bitter Herbs: a morsel of horse-radish in two pieces of the third Matzah as a sandwich; distribute this to those present. Before eating make the following Declaration:

זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל. כֵּן עָשָׂה הִלֵּל, בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם. הָיָה כּוֹרֵךְ מַצָּה וּמָרוֹר וְאוֹכֵל בְּיַחַד. לְקַיֵּם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר: עַל־מַצּוֹת וּמְרֹרִים יֹאכְלֻהוּ:

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער האָט בעשאַפען די פרוכט פון וויינבוים.

(מען טרינקט אוים דעם צווייטען כוס וויין; דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער טהייל פון סדר)

6. רחצה. וואַשען די הענד בעפאָר דער סעודה.

(מען זאָגט די ברכה על נטילת ידים)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און אונז געבאָטען צו וואַשען די הענד.

7-8. מוציא־מצה. די ברכות המוציא און אכילת מצה.

(דער בעל־הבית נעהמט פאַר זיך און צוטהיילט אויך פאַר אַלע אַנוועזענדע אַ שטיקעל פון די אויבערשטע מצה און אַ שטיקעל פון די מיטעלסטע מצה. וואָס מען עסט נאָך די פאָלגענדע ברכות:)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער האָט אונז געגעבען דיעזע ברויט, אַ פּראָדוקט פון דער ערד.

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות, און אונז געבאָטען צו עסען מצה.

9. מרור. ביטערע קרייטער.

(דער בעל־הבית פערטהיילט אַ ביסעל כריין, אָדער שאַרפע גרינס, איינגעטונקט אין חרוסת. איידער מען עסט דאָס, מאַכט מען די ברכה:)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און האָט אונז געבאָטען צו עסען מרור.



שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ.

אוכלים הסעודה הערוכה.

11. SET THE TABLE: The supper is now ready. The company at the table partake of the regular meal.



צָפוּן.

בעל הבית וכל המסובים לוקחים כל אחד כזית מחצי המצה המונחת תחת הכר וזה הנקרא אפיקומן ואוכלים בהסיבה, אין אוכלין יותר בלילה ההוא.

12. The Host distributes a piece of the Matzah which was laid aside as the Afikomon. Nothing more is eaten that night.



בָּרֵךְ.

מוזגין יין בכוס שלישית ובעל הבית נוטל הכוס ומברכין ברכת המזון.

13. The Third Cup is filled and Grace is said:

10. כורך. איינוויקלען דעם כריין.

(מען לייגט צוזאַמען אַ ביסעל כריין אין צוויי שטיקלעך מצה, אַזוי ווי אַ „סאַנדוויטש", און איידער מען עס דאָס, מאַכט מען די ערקלעהרונג:)

דאָס איז כדי צו עראינערען דעם מנהג פון הילל *), אין דער צייט פון בית המקדש: ער האָט צוזאַמענגעלייגט מצה מיט מרור און געגעסען צוזאַמען, כדי מקיים צו זיין די מצוה ווערטערליך, ווי עס שטעהט: „מיט מצות און ביטערע קרייטער זאָלען זיי איהם (דעם קרבן פסח) עסען" **).

11. שלחן עורך. גרייטען דעם טיש צום עסען.

(דער טיש איז איצט געגרייט, און די אַנוועזענדע געהן עסען די סעודה)

משה רבינו שפּאַלט דעם רויטען ים

*) אַ גרויסער תנא און נשיא אין ארץ ישראל, ווען דער צווייטער בית־המקדש איז געשטאַנען. **) במדבר ט, יא.

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. בְּשׁוּב יְיָ אֶת־שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים: אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה, אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל יְיָ לַעֲשׂוֹת עִם־אֵלֶּה: הִגְדִּיל יְיָ לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ הָיִינוּ שְׂמֵחִים: שׁוּבָה יְיָ אֶת־שְׁבִיתֵנוּ כַּאֲפִיקִים בַּנֶּגֶב: הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ: הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה, נֹשֵׂא מֶשֶׁךְ־הַזָּרַע, בֹּא־יָבֹא בְרִנָּה נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו:

שלשה שאכלו כאחד מברכין בזימון ואחד מהם קורא:

The following Introduction is added when three or more males, over the age of 13, have eaten at the table together. One is selected to lead in the Grace.

המברך: *(the Leader)*

רַבּוֹתַי נְבָרֵךְ:

ועונין המסובין ואח"כ המברך: *(the Company answers:)*

יְהִי שֵׁם יְיָ מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם

המברך: *(the Leader)*

בִּרְשׁוּת מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי, נְבָרֵךְ (בעשרה מוסיף אֱלֹהֵינוּ) שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:

המסובין ואח"כ המברך: *(the Company)*

בָּרוּךְ (בעשרה מוסיפים אֱלֹהֵינוּ) שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:

If the Company consists of ten or more males of age, add the word אלהינו.

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הַזָּן אֶת־

12. אפיקומן.

(דער בעל־הבית טיילט איין א שטיקעל פון אפיקומן, וועלכען ער האט אוועקגעלייגט אין דער זייט, צו אלע וואס זיצען ארום טיש. מעהר ווערט ניט געגעסען יענע נאכט. מען פילט אן דעם דריטען כוס מיט וויין פאר ברכת המזון, און מען זאגט פריהער שיר המעלות — תהלים קכ"ו:)

א געזאנג פון די עולי לרגל (פילגרימען): ווען גאט האט צוריק־געבראכט די פערטריבענע פון ציון, זיינען מיר געווען ווי פער׳חלום׳טע; געלעכטער האט אנגעפילט אונזער מויל, און אונ־זער צונג האט ארויסגעשריען א פרייד־געזאנג. און אפילו די גוים האבען געזאגט: „גאט האט פאר זיי געטהאן גרויסע וואונדער". יא, גאט האט ווירקליך פאר אונז געטהאן גרויסע זאכען, דערפאר זיינען מיר פרעהליך. — א, גאט, ברענג צוריק אלע אונזערע פער־טריבענע, ווי וואסער־שטראמען צו א טרוקענע לאנד. — די וועל־כע זעען איצט מיט טרעהרען, וועלען שניידען מיט געזאנג; טרויעריג געהען זיי איצט פערזעען די זוימען, אבער מיט פריידען וועלען זיי טראגען פון פעלד אלע זייערע בינטלעך תבואה.

(ווען מען בענש מיט מזומן, אדער א קווארום, ניט ווייניגער פון דריי מענער אדער אינגלעך, וועלכע זיינען שוין בר־מצוה, און וואס האבען צוזאמען געגעסען, דאן איז איינער פון זיי דער פיהרער פון בענשען. ער זאגט:)

(פיהרער:)

רבותי, לאמיר בענשען.

(אנוועזענדע:)

געלויבט איז דער נאמען פון גאט, איצט און ביז אייביג.

(פיהרער:)

מיט׳ן רשות פון די געעהרטע רבותי וויל איך לויבען דעם *), וועמעס שפייז מיר האבען געגעסען.

*) ווען עס איז דא א מנין ביים טיש זאגט מען אנשטאט „דער" — „אונזער גאט".

הָעוֹלָם כֻּלּוֹ. בְּטוּבוֹ, בְּחֵן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, הוּא נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל־בָּשָׂר, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: וּבְטוּבוֹ הַגָּדוֹל, תָּמִיד לֹא־חָסַר לָנוּ, וְאַל יֶחְסַר לָנוּ מָזוֹן לְעוֹלָם וָעֶד: בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל, כִּי הוּא אֵל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל וּמֵטִיב לַכֹּל, וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל־בְּרִיּוֹתָיו אֲשֶׁר בָּרָא: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, הַזָּן אֶת־הַכֹּל:

נוֹדֶה לְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַל שֶׁהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ, אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה. וְעַל שֶׁהוֹצֵאתָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, וּפְדִיתָנוּ מִבֵּית עֲבָדִים. וְעַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ, בִּבְשָׂרֵנוּ. וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ. וְעַל חֻקֶּיךָ שֶׁהוֹדַעְתָּנוּ. וְעַל חַיִּים חֵן וָחֶסֶד שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ. וְעַל אֲכִילַת מָזוֹן שָׁאַתָּה זָן וּמְפַרְנֵס אוֹתָנוּ תָּמִיד, בְּכָל־יוֹם וּבְכָל־עֵת וּבְכָל־שָׁעָה:

וְעַל הַכֹּל יְיָ אֱלֹהֵינוּ, אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ, וּמְבָרְכִים אוֹתָךְ. יִתְבָּרַךְ שִׁמְךָ, בְּפִי כָּל־חַי, תָּמִיד לְעוֹלָם וָעֶד:

(אנוועזענדע:)

געלויבט אין דער, וועמעס שפייז מיר האָבען געגעסען,
און דורך זיין גוטסקייט לעבען מיר.

(אויב עס זיינען פערהאַנען ווייניגער ווי דריי פערזאָן, זאָגען זיי:)

[געלויבט איז ער און געלויבט איז זיין נאָמען]

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער שפייזט די גאַנצע וועלט דורך זיין גוטס־קייט, מילדקייט, גענאַד און רחמנות. „ער גיט ברויט יעדער בע־שעפעניש, ווייל אייביג איז זיין גנאַד“ 1), און דורך זיין גרויס גוטסקייט האָט ער קיינמאָל ניט פערפעהלט צו געבען אונז שפייז, און מיר בעטען, ער זאָל אונז קיינמאָל ניט פערמינערען שפייז, צוליעב זיין גרויסען נאָמען, וואָרים ער איז גאָט, דער שפּי־זער און פערזאָרגער פון אַלעמען, און טהוט אַלעמען גוטעס; ער גרייט אָן שפייז פאַר אַלע לעבעדיגע נפשות, וועלכע ער האָט בעשאַפען, אַזוי ווי עס שטעהט: „דו עפענסט דיין האַנד און מאַכסט זאַט יעדען לעבעדיגען לויט זיין בעדערפעניש“ 2). געלויבט איז גאָט, וואָס שפייזט אַלעמען.

מיר דאַנקען דיר, אייביגער, אונזער גאָט, דערפאַר, וואָס דו האָסט געשענקט אונזערע עלטערען אַן אַנגענעהם, גוט און ברייט לאַנד, און אויך דערפאַר, וואָס דו האָסט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, און האָסט אונז אויסגעלייזט פון קנעכטשאַפט. מיר דאַנ־קען דיר פאַר דעם בונד וואָס דו האָסט אַנגעצייכענט אין אונזער לייב 3), און פאַר דיין תורה וואָס דו האָסט אונז געלערנט, און אונז געלאָזט וויסען דיינע מצוות, און פאַר שענקען אונז לעבען מיט דיין מילדקייט און גענאַד, און פאַר דעם עסען פון שפייז, מיט וואָס דו שפייזט און ערנעהרסט אונז שטענדיג — יעדען טאָג, צו יעדער צייט און אין יעדער שעה.

---

1) תהלים קלו, כה. 2) תהלים קמה, טז. 3) ברית מילה.

כַּכָּתוּב. וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ, וּבֵרַכְתָּ אֶת־יְיָ אֱלֹהֶיךָ, עַל־הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר־נָתַן לָךְ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמָּזוֹן:

רַחֵם יְיָ אֱלֹהֵינוּ. עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ. וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ. וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ. וְעַל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד מְשִׁיחֶךָ. וְעַל הַבַּיִת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ. שֶׁנִּקְרָא שִׁמְךָ עָלָיו: אֱלֹהֵינוּ, אָבִינוּ, רְעֵנוּ, זוּנֵנוּ, פַּרְנְסֵנוּ, וְכַלְכְּלֵנוּ, וְהַרְוִיחֵנוּ. וְהַרְוַח־לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ מְהֵרָה מִכָּל־צָרוֹתֵינוּ: וְנָא, אַל־תַּצְרִיכֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ. לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם. וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם. כִּי אִם לְיָדְךָ הַמְּלֵאָה, הַפְּתוּחָה, הַקְּדוֹשָׁה וְהָרְחָבָה, שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם לְעוֹלָם וָעֶד:

בשבת אומרים זה:

On Sabbath add רצה:

רְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּמִצְוֹתֶיךָ, וּבְמִצְוַת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, הַשַּׁבָּת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ הַזֶּה. כִּי יוֹם זֶה, גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ הוּא לְפָנֶיךָ. לִשְׁבָּת־בּוֹ וְלָנוּחַ בּוֹ, בְּאַהֲבָה,

פאַר דעם אַלעם דאַנקען מיר דיר, אייביגער, אונזער גאָט, און מיר לויבען דיר. געלויבט איז דיין נאָמען שטענדיג, אימער און אייביג, אין מויל פון אַלע לעבעדיגע מענשען, אַזוי ווי עס שטעהט: „ווען דו וועסט עסען און ווערען זאַט, זאָלסטו לויבען דעם אייביגען, דיין גאָט, פאַר דאָס גוטע לאַנד, וועלכעס ער האָט דיר געגעבען" *). געלויבט איז גאָט פאַר דאָס לאַנד (ארץ ישראל) און פאַר די שפּייז.

מיר בעטען דיך, אייביגער, אונזער גאָט, דערבאַרעם דיך אויף דיין פאָלק ישראל, אויף דיין שטאָדט ירושלים, אויף ציון, דעם פלאַץ פון דיין הערליכקייט, אויף דעם קעניגליכען הויז פון דוד דיין משיח, און אויף דעם דערהויבענעם בית־המקדש, וועלכער טראָגט דיין נאָמען.

אונזער גאָט, אונזער פאָטער! זיי דו אונזער פאַסטוך, אונזער שפּייזער, אונזער פערזאָרגער, אונזער בעפרייער, און מאַך אונז, אייביגער, אונזער גאָט, פריי פון אונזערע אַלע צרות, כדי מיר זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו קיין מענשענ'ס גאָב, אָדער זיך פערלאָזען אויף זייערע הלוואות (לייען געלד), ווייל מיר ווילען נאָר זיין אָבהענגיג פון דיר, וועלכער פערזאָרגט אונז מיט אַ פולער, אָפענער, הייליגער און ברייטער האַנד, כדי מיר זאָלען קיין מאָל ניט פערשעהמט און דערנידעריגט ווערען.

(שבת זאָגט מען אויך דאָס:)

זיי געניגט, אייביגער, אונזער גאָט, צו שטאַרקען אונז, כדי מיר זאָלען קענען אָבהיטען דיינע מצוות, איבערהויפּט די מצוה פון דיעזען זיבעטען טאָג פון דער וואָך, דער הערליכער און הייליגער שבת. דיעזער טאָג איז ווירקליך הערליך און הייליג פאַר דיר, וואָס איז געווידמעט צו אָבשטעלען אַלע אַרבייט און צו רוהען מיט ליעבשאַפט, לויט דיין געבאָט און נאָך דיין ווילען. מיר בעטען דיך, אייביגער, אונזער גאָט, עס זאָל זיין דיין ווילען אונז צו לאָזען

*) דברים ח, י.

כְּמִצְוַת רְצוֹנֶךָ. וּבִרְצוֹנְךָ הָנִיחַ לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ. שֶׁלֹּא תְהֵא צָרָה וְיָגוֹן וַאֲנָחָה, בְּיוֹם מְנוּחָתֵנוּ, וְהַרְאֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בְּנֶחָמַת צִיּוֹן עִירֶךָ, וּבְבִנְיַן יְרוּשָׁלַיִם עִיר קָדְשֶׁךָ. כִּי אַתָּה הוּא, בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת, וּבַעַל הַנֶּחָמוֹת:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. יַעֲלֶה וְיָבֹא, וְיַגִּיעַ, וְיֵרָאֶה, וְיֵרָצֶה וְיִשָּׁמַע, וְיִפָּקֵד וְיִזָּכֵר, זִכְרוֹנֵנוּ וּפִקְדוֹנֵנוּ, וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ. וְזִכְרוֹן מָשִׁיחַ בֶּן־דָּוִד עַבְדֶּךָ, וְזִכְרוֹן יְרוּשָׁלַיִם עִיר קָדְשֶׁךָ. וְזִכְרוֹן כָּל־עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, לְפָנֶיךָ. לִפְלֵיטָה לְטוֹבָה, לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּיוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה. זָכְרֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ, בּוֹ לְטוֹבָה. וּפָקְדֵנוּ בוֹ לִבְרָכָה, וְהוֹשִׁיעֵנוּ בוֹ לְחַיִּים. וּבִדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים, חוּס וְחָנֵּנוּ, וְרַחֵם עָלֵינוּ וְהוֹשִׁיעֵנוּ, כִּי אֵלֶיךָ עֵינֵינוּ, כִּי אֵל חַנּוּן וְרַחוּם אָתָּה:

וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, בּוֹנֵה בְרַחֲמָיו יְרוּשָׁלָיִם. אָמֵן:

רוהען; עס זאָל ניט זיין קיין צרה, קיין טרויער און קיין זיפצונג
אין אונזער רוהע־טאָג. און מיר בעטען, לאָז אונז, אייביגער, אונ־
זער גאָט, זעהן די נחמה פון דיין שטאָדט ציון און די אויפבויאונג
פון דיין הייליגער שטאָדט ירושלים, ווייל דו ביסט דער האַר גאָט,
וועלכער לייסטעט הילף און טרייסטונגען.

(ווען פסח פאַלט אין מיטען וואָך זאָגט מען ניט דאָס לעצטע
געבעט, נאָר מען פאָלגט דאָס:)

אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערען, זאָל די עראינערונג
פון אונז און פון אונזערע עלטערען, די עראינערונג פון
משיח בן דוד, דיין דיענער, די עראינערונג פון דיין הייליגער
שטאָדט ירושלים, און די עראינערונג פון דיין פאָלק ישראל —
אַלע דיעזע עראינערונגען זאָלען אַרויפגעהן און קומען און דער־
גרייכען צו דיר, גאָט, דו זאָלסט זיי זעהן און בעוויליגען, דו זאָלסט
זיי הערען, כדי אונז צו געדענקען און דערבאַרימען, צום רעטונג,
צו גוטען, צו מילדקייט, צו גענאָד און צו רחמנות; צום לעבען,
צו פריעדען — אין דיעזען יום טוב פון מצות. אָ, עראינער אונז,
אייביגער, אונזער גאָט, אין דיעזען טאָג צום גוטען. געדענק אונז
אין דעם טאָג צום זעגען, העלף אונז אין דעם טאָג צום לעבען,
אין נאָמען פון דיינע מדות פון ישועה און רחמים. זיי מילד, גענע־
דיג, און דערבאַרים דיך אויף אונז, ווייל מיר ריכטען אונזערע
אויגען נאָר צו דיר, ווייל דו, גאָט, ביזט באַרימהערציג און
גענעדיג.

מיר בעטען אויך, דו זאָלסט ווידער אויפבויען די הייליגע שטאָדט
ירושלים באַלד אין אונזערע צייטען. געלויבט איז גאָט, וועל־
כער וועט זיך דערבאַרימען און ווידער אויפבויען ירושלים, אמן.

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער
וועלט — גאָט, אונזער פאָטער, אונזער קעניג, אונזער
מעכטיגער, אונזער בעשאַפער, אונזער ערלייזער, אונזער פער־
אורזאַכער, אונזער הייליגער — דער הייליגער פון יעקב, אונזער

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, הָאֵל אָבִינוּ, מַלְכֵּנוּ, אַדִּירֵנוּ, בּוֹרְאֵנוּ, גּוֹאֲלֵנוּ, יוֹצְרֵנוּ, קְדוֹשֵׁנוּ. קְדוֹשׁ יַעֲקֹב. רוֹעֵנוּ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל. הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב, וְהַמֵּטִיב לַכֹּל, שֶׁבְּכָל־יוֹם וָיוֹם הוּא הֵטִיב, הוּא מֵטִיב, הוּא יֵיטִיב לָנוּ: הוּא גְמָלָנוּ. הוּא גוֹמְלֵנוּ. הוּא יִגְמְלֵנוּ לָעַד. לְחֵן וּלְחֶסֶד, וּלְרַחֲמִים וּלְרֶוַח. הַצָּלָה וְהַצְלָחָה, בְּרָכָה וִישׁוּעָה. נֶחָמָה, פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה. וְרַחֲמִים, וְחַיִּים וְשָׁלוֹם, וְכָל־טוֹב, וּמִכָּל־טוּב לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ:

הָרַחֲמָן, הוּא יִמְלֹךְ עָלֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד:

הָרַחֲמָן, הוּא יִתְבָּרַךְ בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁתַּבַּח לְדוֹר דּוֹרִים, וְיִתְפָּאַר בָּנוּ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים, וְיִתְהַדַּר בָּנוּ לָעַד וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים:

הָרַחֲמָן, הוּא יְפַרְנְסֵנוּ, בְּכָבוֹד:

הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁבֹּר עֹל גָּלוּת מֵעַל צַוָּארֵנוּ, וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ:

פֿאַסטוך — דער פֿאַסטוך פֿון ישראל, דער גוטער, וועלכער טהוט גוטעס צו אַלעמען; וועלכער האָט אַלע מאָל, פֿון טאָג צו טאָג, גוטעס געטהאָן, און טהוט אויך איצט גוטעס און וועט ווידער טהאָן גוטעס, און בעלוינט אונז פֿאַר אונזערע גוטע טהאַטען, און וועט אונז אימער בעלוינען מיט מילדקייט, גענאָד און דערבאַרמ־קייט, בעפֿרייאונג, רעטונג, גליק, ברכה, הילף, טרייסטונג, פּרנסה און אַלע בעדערפֿענישען; רחמנות, לעבען און פֿריעדען; אַלעס גוטעס, און פֿון אַלעם גוטס זאָל קיין זאַך אונז ניט פֿעהלען.

זאָל דער באַרימהערציגער גאָט הערשען איבער אונז אימער און אייביג.

זאָל דער באַרימהערציגער זיין בעגריסט, אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד.

זאָל דער באַרימהערציגער זיין געלויבט אין אַלע דורות, און בע־ריהמט צווישען אונז אימער און אייביג, און ער זאָל זיין גע־עהרט צווישען אונז שטענדיג, אין אַלע וועלט־טהיילען.

זאָל דער באַרימהערציגער אונז מפרנס זיין מיט כבוד.

זאָל דער באַרימהערציגער צוברעכען דעם גלות־יאָך פֿון אונזער האַלז און אונז פֿיהרען מיט שטאָלץ אין אונזער לאַנד.

זאָל דער באַרימהערציגער שיקען פֿיעל ברכה צו אונז אין דיעזען הויז, און צום טיש אויף וועלכען מיר האָבען געגעסען.

זאָל דער באַרימהערציגער שיקען צו אונז אליהו הנביא [זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערען צום גוטען], ער זאָל אונז אָנ־זאָגען גוטע בשורות פֿאַר אונזער רעטונג און טרייסטונג.

(די פֿאָלגענדע ברכה ווערט געענדערט לויט די אומשטענדען:)

זאָל דער באַרימהערציגער בענשען מיין פֿאָטער, דעם בעל־הבית, און מיין מוטער, די בעלת־הבית, מיט זייערע קינדער און הויז־געזינד, [מיינע פֿרוי און קינדער] און אַלעס וואָס געהער צו זיי [צו מיר], ער זאָל בענשען אונז אַלע צוזאַמען, און אַלעס וואָס געהער צו אונז, אַזוי ווי ער האָט געבענשט

הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁלַח לָנוּ, בְּרָכָה מְרֻבָּה בַּבַּיִת הַזֶּה, וְעַל שֻׁלְחָן זֶה שֶׁאָכַלְנוּ עָלָיו:

הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁלַח לָנוּ, אֶת־אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב, וִיבַשֶּׂר־לָנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת:

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ (אם יש לו אב ואם יאמר) אֶת־אָבִי מוֹרִי בַּעַל הַבַּיִת הַזֶּה, וְאֶת־אִמִּי מוֹרָתִי, בַּעֲלַת הַבַּיִת הַזֶּה:

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ (ואם הוא נשוי יאמר) אוֹתִי וְאִשְׁתִּי וְזַרְעִי וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר לִי. אוֹתָם וְאֶת־בֵּיתָם, וְאֶת־זַרְעָם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר לָהֶם. אוֹתָנוּ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר לָנוּ, כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּרְכוּ אֲבוֹתֵינוּ, אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב. „בַּכֹּל”, „מִכֹּל”, „כֹּל”. כֵּן יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ, כֻּלָּנוּ יַחַד, בִּבְרָכָה שְׁלֵמָה. וְנֹאמַר אָמֵן:

בַּמָּרוֹם יְלַמְּדוּ עָלָיו וְעָלֵינוּ זְכוּת, שֶׁתְּהֵא לְמִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם: וְנִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת יְיָ, וּצְדָקָה מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ. וְנִמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם:

אונזערע עלטערען: אברהם, יצחק און יעקב, — „אַלעס", „אין אַלעס", „מיט אַלעס" (יעדער מיט זיינעם בעזונדערען אויסדרוק 1), אַזוי זאָל ער אונז אַלע בענשען מיט אַ פאָל־שטענדיגע ברכה, און מיר וועלען זאָגען אמן.

זאָלען די מלאכים אין הימעל זיין מליצים פאַר אונזער בעל־הבית און אויף אונז אַלע, דאָס מיר זאָלען האָבען אַן אויסגעהאַל־טענעם שלום; דאָס מיר זאָלען זיין בערעכטיגט צו די ברכה פון אייביגען און די גוטסקייט פון גאָט, וועלכער איז אונזער העלפער, און „מיר זאָלען געפינען לייטזעליגקייט ביי גאָט און גוטע אַנערקענונג ביי מענשען" 2).

(אום שבת זאָגט מען דאָס:)

זאָל דער באַרימהערציגער אונז שענקען דעם טאָג, וועלכער איז לויטער שבת און דורכאויס רוהיג — אין אייביגען לעבען.

(אום יום טוב:)

זאָל דער באַרימהערציגער אונז שענקען דעם טאָג, וועלכער איז לויטער גוטעס.

זאָל דער באַרימהערציגער געבען, דאָס מיר זאָלען זוכה זיין צו דערלעבען די טעג פון משיח'ן, און צו דעם צוקינפטיגען לע־בען אין דער צוקינפטיגער וועלט.

„**ער** איז אַ טהורם פון הילף פאַר זיין קעניג, און טהוט גענאָד צו זיין געזאַלבטען — צו דוד און צו זיינע קינדער — אויף אייביג" 3). „ער ברענגט שלום אין זיינע הויכקייטען (אין די הימלען 4)", ער וועט אויך ברייגגען שלום פאַר אונז און פאַר כל ישראל. לאָמיר זאָגען — אמן.

---

1) בכל מכל כל — דיזע ווערטער זיינען דער מאַנט אין זייערע ברכות (בראשית כד, א; כג, לג; לז, יא). 2) משלי ג, ד. 3) שמואל ב', כב, נא. 4) איוב כה, ב.

בשבת אומרים זה:

On Sabbath say;

הָרַחֲמָן, הוּא יַנְחִילֵנוּ יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת וּמְנוּחָה, לְחַיֵּי הָעוֹלָמִים:

הָרַחֲמָן, הוּא יַנְחִילֵנוּ יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב:

הָרַחֲמָן, הוּא יְזַכֵּנוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ וּלְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִגְדּוֹל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ, וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ, לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם. עֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו, הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם, עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

יְראוּ אֶת־יְיָ קְדשָׁיו, כִּי אֵין מַחְסוֹר לִירֵאָיו: כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ, וְדֹרְשֵׁי יְיָ לֹא־יַחְסְרוּ כָל־טוֹב: הוֹדוּ לַייָ כִּי טוֹב, כִּי, לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: פּוֹתֵחַ אֶת־יָדֶךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל־חַי רָצוֹן: בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּייָ, וְהָיָה יְיָ מִבְטַחוֹ: נַעַר הָיִיתִי, גַּם זָקַנְתִּי, וְלֹא רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב, וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ־לָחֶם: יְיָ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, יְיָ יְבָרֵךְ אֶת־עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם:

„הייליגע מענשען אכטען גאָט מיט עהרפורכט, ווייל עס פעהלט
קיין זאַך ניט צו די וואָס עהרען איהם מיט הויכאַכטונג.
יונגע לייבען מעגען ליידען נויט און הונגער, אָבער די וואָס בעטען
גאָט — זיי פעהלט ניט קיין שפּייז“ 1). „דאַנק גאָט, ווייל ער איז
גוט, ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג“ 2). „דיין אָפענע האַנד מאַכט
זאַט יעדען לעבעדיגען מיט צופרידענהייט“ 3). „געבענשט איז
דער מאַן וואָס פערלאָזט זיך אויף גאָט, און גאָט איז זיין פערזיכע-
רונג“ 4). „איך בין געווען יונג און געוואָרען אַלט, אָבער איך האָב
ניט געזעהן אַ פרומער זאָל זיין פערלאָזען און זיין קינד זאָל בעטלען
ברויט“ 5). „גאָט וועט זיין פאָלק שטאַרקען מאַכט, גאָט וועט בענ-
שען זיין פאָלק מיט שלום“ 6).

עסען דעם קרבן פסח בשעת יציאת מצרים (זעה זייט 25)

1) תהלים לד, י־יא. 2) תהלים קלו, א. 3) תהלים קמה, טז.
4) ירמיה יז, ז. 5) תהלים לז, כה. 6) תהלים כט, יא.

שותין יין הכוס השלישית ומברכין מקודם:

Drink the Third Cup of Wine, after the benediction:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:

פותחין הדלת ואומרים:

Open the door and say:

פֹּךְ חֲמָתְךָ אֶל־הַגּוֹיִם, אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּךָ וְעַל־מַמְלָכוֹת. אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ, לֹא קָרָאוּ: כִּי־אָכַל אֶת־יַעֲקֹב. וְאֶת־נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ:

שְׁפָךְ־עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ. וַחֲרוֹן אַפְּךָ, יַשִּׂיגֵם:

תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם, מִתַּחַת שְׁמֵי יְיָ:



הַלֵּל.

מוזגין הכוס הרביעי וגומרין ההלל:

14. HALLEL is Recited; fill the Fourth Cup of Wine.

לֹא לָנוּ יְיָ, לֹא־לָנוּ כִּי לְשִׁמְךָ תֵּן כָּבוֹד. עַל־

(מען טרינקט דעם דריטען כוס וויין. מען פילט אן דעם כוס פון
אליהו הנביא 1) און מען עפענט די טיר)

שפוך חמתך — „לאז אויס דיין כעס אויף די גוים וואס ווילען דיך ניט אנערקענען, און אויף די פעלקער, וועלכע רופען ניט צו דיין נאמען; ווייל זיי האבען פערניכטעט יעקב'ן און פערוויסט זיין היים-לאנד" 2). „לאז אויס אויף זיי דיין כעס, און דיין צארן זאל זיי גרייכען" 3). „פערפאלג און פערטיליג זיי פון אונטער גאט'ס הימעל" 4).

(מען פילט אן דעם פיערטען כוס וויין)

14. הלל.

(תהלים קט"ו)

ניט פאר אונז, א גאט, ניט פאר אונז 5); אבער מאך דאס די גוים זאלען געבען עהרע צו דיין נאמען, צו דיינע מדות פון גנאד און טרייהייט. ווארים פארוואס זאלען די גוים פרעגען „וואו איז זייער גאט?" באמת, וויל אונזער גאט אין הימעל זיין צו-

---

1) אליהו הנביא איז דער אונזיכטבארער גאסט צום סדר, ווייל ער איז דער סימבאל פון דער פאמיליע פעראייניגונג. דער פאטער מיט זיינע קינדער (מלאכי, ענדע). וואס פאסט פאר'ן סדר, וואס איז הויפט-זעכליך געמאכט פאר קינדער. אליהו איז אויך דער אייפעריגער קעמפפער פאר דער ריינער אמונה, געגען די עובדי הבעל און געצענדיענער. דארום זאגט מען נאכהער שפוך חמתך: מען עפענט די טיר פאר אליהו הנביא, און פאר אנדערע אונערווארטעטע געסט. עס איז אויך א סימבאל פון פרייהייט און זיכערהייט. ווייל עס איז „ליל שמורים". א נאכט פון וואכזאמקייט. 2) תהלים עט, ו-ז. 3) תהלים סט, כה. 4) איכה ג, י. 5) דאס מיינט: פאר אונז איז שוין ניט נויטיג צו בעשטעטיגען די גאטהייט און מיר האבען בטחון אין איהם (אזוי ווי עס שטעהט ווייטער). אבער פאר די גוים איז דאס וויכטיג, ווייל זיי זיינען אויך גאט'ס שאפונג.

חַסְדְּךָ עַל־אֲמִתֶּךָ: לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם. אַיֵּה־נָא אֱלֹהֵיהֶם: וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם. כֹּל אֲשֶׁר־חָפֵץ עָשָׂה: עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב. מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם: פֶּה־לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ. עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ: אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ. אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן: יְדֵיהֶם וְלֹא יְמִישׁוּן. רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ. לֹא־יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם: כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם. כֹּל אֲשֶׁר־בֹּטֵחַ בָּהֶם: יִשְׂרָאֵל בְּטַח בַּיְיָ. עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא: בֵּית אַהֲרֹן בִּטְחוּ בַיְיָ. עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא: יִרְאֵי יְיָ בִּטְחוּ בַיְיָ. עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא:

יְיָ זְכָרָנוּ יְבָרֵךְ. יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל. יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית אַהֲרֹן: יְבָרֵךְ יִרְאֵי יְיָ. הַקְּטַנִּים עִם־הַגְּדֹלִים: יֹסֵף יְיָ עֲלֵיכֶם. עֲלֵיכֶם וְעַל־בְּנֵיכֶם: בְּרוּכִים אַתֶּם לַייָ. עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַייָ. וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי־אָדָם: לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ־יָהּ. וְלֹא כָּל־יֹרְדֵי דוּמָה: וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם הַלְלוּיָהּ:

אָהַבְתִּי כִּי־יִשְׁמַע יְיָ. אֶת־קוֹלִי. תַּחֲנוּנָי: כִּי־הִטָּה

פריעדען פון אַלע זיינע בעשעפענישען. און דאָך שמידען די גויב געטער פון גאָלד און זילבער, געמאַכט מיט זייערע אייגענע הענד: געצען, וואָס האָבען אַ מויל און קענען ניט ריידען, זיי האָבען אויגען און קענען ניט זעהען, זיי האָבען אויערען און קענען ניט הערען, אַ נאָז האָבען זיי, אָבער זיי קענען ניט שמעקען, הענד — און קענען ניט טאַפּען, פים — און קענען ניט געהן. זייער האַלז איז שטימלאָז. די וואָס מאַכען די געצען און יעדער וואָס גלויבט אין זיי, זאָלען ווערען ווי זיי זיינען.

וואָס אַנבעלאַנגט צו אונז — ישראל איז פערטרויט אויף גאָט: ער איז זייער העלפער און בעשיצער; אהרנ'ס הויז-געזינד איז פערטרויט אויף גאָט, ער איז זייער העלפער און בעשיצער; די גאָטספורכטיגע גרים *) זיינען פערטרויט אויף גאָט, ער איז זייער העלפער און בעשיצער.

דאַרום דיינקט גאָט וועגען אונז, און ער וועט אונז בענשען. יאָ, ער וועט בענשען דאָס הויז-געזינד פון ישראל, ער וועט בענשען דאָס הויז-געזינד פון אהרן, ער וועט בענשען די גאָטספורכטיגע גרים — אויך זייערע קליינע קינדער, אַזוי גוט ווי די גרויסע, [מעג דער אייביגער פערמעהרען אייך מיט אייערע קינדער] — איהר זייט געבענשט פון גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד, די הימעל וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען פאַר זיך, און די ערד וועלכע ער האָט אַוועקגעגעבען צו די מענשען.

די טויטע קענען ניט מעהר לויבען גאָט, אויך ניט די וואָס ליגען אין שטומען קבר — נאָר מיר, די לעבעדיגע — לאָמיר פרייזען גאָט, פון איצט אָן ביז אייביג; לויבט גאָט — הללויה.

(תהלים קט"ז)

איך בין גליקליך, ווען גאָט הערט די שטימע פון מיין געבעט; ווייל ער איז אויפמערקזאַם צו מיר, וועל איך איהם רופען אַלע טעג פון מיין לעבען. — די נעץ פון טויט האָט מיך אַרומגע-

*) דער מדרש זאָגט, דאָס דער פסוק מיינט די גרים. זעה מלכים ב, יז, לב. דאָס די גרים ווערען גערופען יראי ה'.

אָזְנוֹ לִי. וּבְיָמַי אֶקְרָא: אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי־מָוֶת וּמְצָרֵי שְׁאוֹל מְצָאוּנִי. צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא: וּבְשֵׁם־יְיָ אֶקְרָא. אָנָּה יְיָ, מַלְּטָה נַפְשִׁי: חַנּוּן יְיָ וְצַדִּיק. וֵאלֹהֵינוּ מְרַחֵם: שֹׁמֵר פְּתָאִים יְיָ. דַּלּוֹתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ: שׁוּבִי נַפְשִׁי לִמְנוּחָיְכִי. כִּי יְיָ גָּמַל עָלָיְכִי: כִּי חִלַּצְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת אֶת־עֵינִי מִן־דִּמְעָה. אֶת־רַגְלִי מִדֶּחִי: אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי יְיָ. בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים: הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר. אֲנִי עָנִיתִי מְאֹד: אֲנִי אָמַרְתִּי בְחָפְזִי כָּל־הָאָדָם כֹּזֵב:

מָה־אָשִׁיב לַייָ. כָּל־תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי: כּוֹס־יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא. וּבְשֵׁם יְיָ אֶקְרָא: נְדָרַי לַייָ אֲשַׁלֵּם. נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ: יָקָר בְּעֵינֵי יְיָ. הַמָּוְתָה לַחֲסִידָיו. אָנָּה יְיָ כִּי־אֲנִי עַבְדֶּךָ אֲנִי עַבְדְּךָ בֶּן־אֲמָתֶךָ. פִּתַּחְתָּ לְמוֹסֵרָי: לְךָ־אֶזְבַּח זֶבַח תּוֹדָה. וּבְשֵׁם יְיָ אֶקְרָא: נְדָרַי לַייָ אֲשַׁלֵּם. נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ: בְּחַצְרוֹת בֵּית יְיָ בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלָיִם, הַלְלוּיָהּ:

רינגעלט, איך האָב דערגרייכט דעם ענגען אָרט פון קבר, איך האָב געפיהלט וועהטאָג און פערצווייפלונג — דאַן האָב איך גע־רופען צו גאָט: „אָ, אייביגער, רעטע מיין לעבען!“ גאָט איז גנעדיג, גערעכט איז דער אייביגער; אונזער גאָט איז באַרימ־הערציג, אונזער גאָט בעשיצט די אונפאַרזיכטיגע — ער וועט מיך רעטען, ווען איך בין הילפלאָז. בערוהיג זיך, מיין זעעלע, וואָרים דער אייביגער בעלוינט דיך מיט גוטעס. ער האָט ווירקליך גערעטעט מיין לעבען פון טויט, מיינע אויגען פון טרעהרען און מיין פוס פון שרויכלען. איך וועל שוין איצט געהן פאַר גאָט אויף דעם לאַנד פון די לעבעדיגע. איך האָב צוערשט געגלויבט, ווען איך האָב געזאָגט: „איך בין זעהר געפלאגט“, וואָס איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אין מיין אויפגערעגטען צושטאַנד, דאָס „אַלע מענשען זיינען אַ דורכפאַל“ (צוועקלאָז און אומזיסט גע־בוירען).

מיט וואָס קען איך איצט בעצאָהלען גאָט פאַר אַלע זיינע טובות, וועלכע ער האָט מיט מיר געטהאָן? איך וועל אויפהויבען דעם כוס פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין הילף, און וועל אָנרופען דעם נאָמען פון גאָט. איך וועל בעצאָהלען צו גאָט אַלע מיינע נדרים (פערשפרעכונגען) אין געגענוואַרט פון זיין גאַנצען פאָלק. — גאָט וויל זעלטען זעהן דעם טויט פון זיינע פרומע. איך בעט דיך, גאָט, אַלס דיין דיענער — איך בין ווירקליך דיין דיענער, דער זוהן פון אַ מוטער, וועלכע איז אויך דיין דיענסט — בינד אויף די שטריק פון מיין פערצווייפלונג. איך וועל דיר דאַן אָפּפערען אַ דאַנק־קרבן און וועל רופען אין נאָמען פון גאָט. איך וועל בעצאָה־לען צו גאָט אַלע מיינע נדרים אין געגענוואַרט פון זיין גאַנצען פאָלק, אין גאָט'ס הויז אין מיטען ירושלים. לויבט גאָט — הללויה.

(תהלים קי"ז)

לויבט דעם אייביגען, איהר אַלע נאַציאָנען,
ריהמט איהם, איהר אַלע פעלקער;

הַלְלוּ אֶת־יְיָ כָּל־גּוֹיִם. שַׁבְּחוּהוּ כָּל־הָאֻמִּים: כִּי גָבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ וֶאֱמֶת־יְיָ לְעוֹלָם, הַלְלוּיָהּ:

הוֹדוּ לַייָ כִּי־טוֹב.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
יֹאמְרוּ־נָא בֵית־אַהֲרֹן.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
יֹאמְרוּ־נָא יִרְאֵי יְיָ.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:

מִן־הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ. עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ: יְיָ לִי לֹא אִירָא. מַה־יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם: יְיָ לִי בְּעֹזְרָי. וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי: טוֹב לַחֲסוֹת בַּייָ. מִבְּטֹחַ בָּאָדָם: טוֹב לַחֲסוֹת בַּייָ. מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים: כָּל־גּוֹיִם סְבָבוּנִי. בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם: סַבּוּנִי גַם־סְבָבוּנִי. בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם: סַבּוּנִי כִדְבֹרִים דֹּעֲכוּ כְּאֵשׁ קוֹצִים. בְּשֵׁם יְיָ כִּי אֲמִילַם: דַּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל. וַייָ עֲזָרָנִי: עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ. וַיְהִי־לִי לִישׁוּעָה: קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים. יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל: יְמִין יְיָ רוֹמֵמָה. יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל: לֹא־

ווייל זיין גוטסקייט צו אונז איז אונגעהויער
און די וואַרהייט פון גאָט בלייבט אויף אייביג.
לויבט גאָט — הללויה!

(תהלים קי"ח)

דאַנקט גאָט, ווייל ער איז גוט,
זיין גנאָד איז אויף אייביג.
זאָל ישראל ווידערהאַלען:
„זיין גנאָד איז אויף אייביג".
זאָל אהרנ'ס הויז־געזינד ווידערהאַלען:
„זיין גנאָד איז אויף אייביג".
זאָלען די גאָטספורכטיגע גרים ווידערהאַלען:
„זיין גנאָד איז אויף אייביג".

פון ענגען נויט רוף איך צו גאָט, און גאָט האָט מיר געענטפערט אָפענהערציג. ווען גאָט איז מיט מיר, האָב איך מעהר קיין מורא ניט. וואָס קען מיר דען אַ מענש טהאָן? ווען גאָט איז מיט מיינע העלפער, וועל איך שוין זעהן אַ מפלה אויף מיינע שונאים. עס איז בעסער זיך צו פערטרויען אין גאָט, איידער זיך צו פער־טרויען אויף אַ מענש; עס איז בעסער זיך צו פערטרויען אין גאָט, איידער זיך פערטרויען אפילו אויף פרינצען. אַ מאַסע גוים האָבען מיך אַרומגערינגעלט, אָבער אין נאָמען פון גאָט האָב איך זיי פערניכטעט; זיי האָבען מיך רונד־אַרום אַרומגערינגעלט, איך האָב זיי ווידער פערניכטעט אין נאָמען פון גאָט; זיי שווערמען אַרום מיר ווי די ביהנען, זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט ווי דערנער אין פייער, אָבער אין נאָמען פון גאָט האָב איך זיי פערניכטעט; זיי האָבען מיך שטאַרק געשטויסען, כדי איך זאָל פאַלען, אָבער גאָט האָט מיר געהאָלפען. גאָט איז מיין קראַפט, און ער איז די אורזאַכע פון מיין געזאַנג, ווען ער ברייינגט מיר הילף. — הער, ווי די פרעהליכע שטימע פון הילף־געזאַנג שאַלט אין די געצעלטען פון די צדיקים: „גאָטס רעכטע האַנד איז טריאומפירענד! גאָט'ס רעכטע האַנד איז איבער אַלעם! גאָט'ס רעכטע האַנד איז טריאומפירענד!"

אָמוּת כִּי־אֶחְיֶה. וַאֲסַפֵּר מַעֲשֵׂי יָהּ: יַסֹּר יִסְּרַנִּי יָּהּ.
וְלַמָּוֶת לֹא נְתָנָנִי: פִּתְחוּ־לִי שַׁעֲרֵי־צֶדֶק. אָבֹא־בָם
אוֹדֶה יָהּ: זֶה־הַשַּׁעַר לַייָ. צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ:

אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי. וַתְּהִי־לִי לִישׁוּעָה: אודך

אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים. הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה: אבן

מֵאֵת יְיָ הָיְתָה זֹּאת. הִיא נִפְלָאת בְּעֵינֵינוּ: מאת

זֶה־הַיּוֹם עָשָׂה יְיָ. נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ: זה

אָנָּא יְיָ הוֹשִׁיעָה נָּא: אָנָּא יְיָ הוֹשִׁיעָה נָּא:
אָנָּא יְיָ הַצְלִיחָה נָא: אָנָּא יְיָ הַצְלִיחָה נָא:

בָּרוּךְ הַבָּא בְּשֵׁם יְיָ. בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית יְיָ: ברוך

אֵל יְיָ וַיָּאֶר לָנוּ אִסְרוּ־חַג בַּעֲבֹתִים. עַד קַרְנוֹת
הַמִּזְבֵּחַ: אל

אֵלִי אַתָּה וְאוֹדֶךָּ. אֱלֹהַי אֲרוֹמְמֶךָּ: אלי

הוֹדוּ לַייָ כִּי־טוֹב. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: הודו

איך וויל ניט שטאַרבען, איך וויל לעבען, כדי צו דערצעהלען די טהאַטען פון גאָט. גאָט האָט מיך נאַר זעהר געשטראָפט, אָבער ער האָט מיך ניט איבערגעגעבען צום טויט. — עפענט פאַר מיר די טויערען פון גערעכטיגקייט, וועל איך אַריינגעהן לויבען גאָט. — „דאָס איז גאָט'ס טויער, נאַר צדיקים מעגען דאָ אַריינ־געהן". איך דאַנק דיר גאָט, וואָס דו האָסט מיר געענטפערט, און פאַר דיין הילף (דיזער פערז ווערט ווידערהאָלט). דער שטיין, וועל־כען די בויער האָבען פעראַכטעט, איז געוואָרען דער ווינקעל־שטיין (ווידערהאָלט). דאָס איז געשעהען מיט גאָט'ס השגחה, וואָס זעהט אויס פאַר אונז אונבעגרייפליך (ווידערהאָלט). דיעזען טאָג האָט אונז גאָט געגעבען, מיר זאָלען זיך פרעהען און לוסטיג מאַכען (ווידערהאָלט).

מיר בעטען דיך, גאָט, העלף אונז! (ווידערהאָלט)
מיר בעטען דיך, גאָט, בעגליק אונז! (ווידערהאָלט)

אין נאָמען פון גאָט: „געבענשט איז דער וואָס קומט" — „מיר בעגריסען אייך פון גאָט'ס הויז" (ווידערהאָלט). דער אייביגער גאָט האָט געבראַכט אַ ליכטיגען מאָרגען. „בינדט צו דעם יום־טוב־קרבן צו די ווינקלען פון מזבח" (ווידערהאָלט). — דו ביזט מיין מעכטיגער, איך דאַנק דיר; דו ביזט מיין גאָט, דיך וועל איך דערהויבען (ווידערהאָלט). לויבט גאָט, איהר אַלע, וויל זיין גנאָד איז אויף אייביג (ווידערהאָלט).

(תהלים קל"ו)

דאַנקט דעם אייביגען, וויל ער איז גוט —
וויל זיין גנאָד איז אויף אייביג.
דאַנקט גאָט, וואָס איז איבער אַלע געטער —
וויל זיין גנאָד איז אויף אייביג.
דאַנקט דעם האַר, וואָס איז איבער אַלע האַרען —
וויל זיין גנאָד איז אויף אייביג;
דעם, וועלכער טהוט גרויסע וואונדער —
וויל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

הוֹדוּ לַיָי כִּי־טוֹב.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
הוֹדוּ לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
הוֹדוּ לַאֲדֹנֵי הָאֲדֹנִים.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם בִּתְבוּנָה.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְרוֹקַע הָאָרֶץ עַל־הַמָּיִם:	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְעֹשֵׂה אוֹרִים גְּדֹלִים.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
אֶת־הַשֶּׁמֶשׁ לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
אֶת־הַיָּרֵחַ וְכוֹכָבִים לְמֶמְשְׁלוֹת בַּלָּיְלָה.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
וַיּוֹצֵא יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְגֹזֵר יַם־סוּף לִגְזָרִים.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
וְהֶעֱבִיר יִשְׂרָאֵל בְּתוֹכוֹ.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְיַם־סוּף.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְמוֹלִיךְ עַמּוֹ בַּמִּדְבָּר.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְמַכֵּה מְלָכִים גְּדֹלִים.	כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:

דעם, וועלכער האָט בעשאַפען דעם הימעל מיט פערשטאַנד —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

דעם, וועלכער האָט פערשפרייט די ערד איבער'ן וואַסער —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

דעם, וועלכער האָט בעשאַפען גרויסע ליכטער —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

די זון, זי זאָל הערשען בייטאָג —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

די לבנה און שטערען, זיי זאָלען הערשען ביינאַכט —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

דעם, וועלכער האָט געשלאָגען זייערע בכורים אין מצרים —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

און האָט ארויסגענומען די בני ישראל פון זיי —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

מיט אַ שטאַרקע האַנד און מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

דעם, וועלכער האָט צוטהיילט דעם ים סוף אויף שטיקער —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

ער האָט אין איהם דורכגעפיהרט ישראל —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

און האָט אריינגעוואָרפען פרעה'ן מיט זיין אַרמעע אין ים סוף —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

דעם, וועלכער האָט געפיהרט זיין פאָלק אין מדבר —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

דעם, וועלכער האָט נידערגעשלאָגען גרויסע הערשער —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

און האָט גע'הרג'עט מעכטיגע קעניגען —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

וַיַּהֲרֹג מְלָכִים אַדִּירִים. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְסִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
וְנָתַן אַרְצָם לְנַחֲלָה. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
נַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹ. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
שֶׁבְּשִׁפְלֵנוּ זָכַר־לָנוּ. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
וַיִּפְרְקֵנוּ מִצָּרֵינוּ. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
נֹתֵן לֶחֶם לְכָל־בָּשָׂר. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
הוֹדוּ לְאֵל הַשָּׁמָיִם. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:

נִשְׁמַת כָּל־חַי תְּבָרֵךְ אֶת־שִׁמְךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ. וְרוּחַ כָּל־בָּשָׂר תְּפָאֵר וּתְרוֹמֵם זִכְרְךָ מַלְכֵּנוּ תָּמִיד: מִן הָעוֹלָם וְעַד־הָעוֹלָם אַתָּה אֵל. וּמִבַּלְעָדֶיךָ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ גּוֹאֵל וּמוֹשִׁיעַ: פּוֹדֶה, וּמַצִּיל, וּמְפַרְנֵס, וּמְרַחֵם בְּכָל־עֵת צָרָה וְצוּקָה. אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה: אֱלֹהֵי הָרִאשׁוֹנִים וְהָאַחֲרוֹנִים. אֱלוֹהַּ כָּל־בְּרִיּוֹת. אֲדוֹן כָּל־תּוֹלָדוֹת: הַמְהֻלָּל בְּרוֹב הַתִּשְׁבָּחוֹת. הַמְנַהֵג עוֹלָמוֹ

סיחון, דער קעניג פון אמורי —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

און עוג, דער קעניג פון בשן —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

ער האָט זייער לאַנד אַוועקגעגעבען אַלס אייגענטום —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

אַלס אייגענטום צו ישראל, זיין דיענער —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

ער האָט אָן אונז געדענקט, ווען מיר זיינען געווען דערנידערט —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

און האָט אונז אויסגעלייזט פון אונזערע פיינד —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג;

ער גיט ברויט אַלע בעשעפענישען —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג.

דאַנקט גאָט פון הימעל! —
ווייל זיין גנאָד איז אויף אייביג.

נשמת — די נשמה פון יעדען לעבעדיגען מענשען זעגענט דעם נאָמען פון דעם אייביגען, אונזער גאָט; דער גייסט פון יעדען בעשעפעניש בעשעהנט און דערהויבט אימער דעם אנדענקען פון אונזער הערשער. פון אַלע צייטען אָן ביז ענדע פון דער צייט ביזטו אַליין גאָט, און אויסער דיר האָבען מיר ניט קיין הערשער, ערלייזער, בעפרייער, בעשיצער, ערנעהרער, וועלכער ענטפערט אונזער בקשה מיט רחמנות, אין יעדער צייט פון אנגסט און נויט. ריכטיג, מיר האָבען קיין אַנדער הערשער, נאָר דיך אַליין. באמת איז גאָט דער בעשעפער פון אַלע בעשעפענישען, פון די ערשטע ביז די לעצטע, דער האַר פון אַלע דורות, ער איז געלויבט מיט פיעל לויב־געזאַנגען, ווייל ער פיהרט זיין וועלט מיט גנאָד, און זיינע בעשעפענישען מיט רחמנות. דער אייביגער דרימעלט ניט און שלאָפט ניט; נאָך מעהר, ער מאַכט וואַכען די

בְּחֶסֶד וּבְרִיּוֹתָיו בְּרַחֲמִים. וַיְיָ לֹא־יָנוּם וְלֹא־יִישָׁן.
הַמְעוֹרֵר יְשֵׁנִים. וְהַמֵּקִיץ נִרְדָּמִים. וְהַמֵּשִׂיחַ אִלְּמִים.
וְהַמַּתִּיר אֲסוּרִים. וְהַסּוֹמֵךְ נוֹפְלִים. וְהַזּוֹקֵף כְּפוּפִים.
לְךָ לְבַדְּךָ אֲנַחְנוּ מוֹדִים: אִלּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם.
וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן גַּלָּיו. וְשִׂפְתוֹתֵינוּ שֶׁבַח כְּמֶרְחֲבֵי
רָקִיעַ. וְעֵינֵינוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ. וְיָדֵינוּ פְרוּשׂוֹת
כְּנִשְׁרֵי שָׁמָיִם. וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת. אֵין אֲנַחְנוּ
מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ. יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ.
וּלְבָרֵךְ אֶת־שְׁמֶךָ. עַל־אַחַת מֵאֶלֶף אֶלֶף אַלְפֵי אֲלָפִים
וְרִבֵּי רְבָבוֹת פְּעָמִים הַטּוֹבוֹת. שֶׁעָשִׂיתָ עִם־אֲבוֹתֵינוּ
וְעִמָּנוּ: מִמִּצְרַיִם גְּאַלְתָּנוּ. יְיָ אֱלֹהֵינוּ. וּמִבֵּית עֲבָדִים
פְּדִיתָנוּ. בְּרָעָב זַנְתָּנוּ. וּבְשָׂבָע כִּלְכַּלְתָּנוּ: מֵחֶרֶב
הִצַּלְתָּנוּ. וּמִדֶּבֶר מִלַּטְתָּנוּ. וּמֵחֳלָיִם רָעִים וְנֶאֱמָנִים
דִּלִּיתָנוּ: עַד־הֵנָּה עֲזָרוּנוּ רַחֲמֶיךָ וְלֹא־עֲזָבוּנוּ חֲסָדֶיךָ.
וְאַל־תִּטְּשֵׁנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ לָנֶצַח. עַל־כֵּן אֵבָרִים שֶׁפִּלַּגְתָּ
בָּנוּ. וְרוּחַ וּנְשָׁמָה שֶׁנָּפַחְתָּ בְּאַפֵּינוּ. וְלָשׁוֹן אֲשֶׁר שַׂמְתָּ
בְּפִינוּ. הֵן הֵם יוֹדוּ וִיבָרְכוּ. וִישַׁבְּחוּ וִיפָאֲרוּ. וִירוֹמְמוּ

שלאָפעדיגע און וועקט אויף דעם שלומערער; ער מאַכט רעדען
שטומע, בעפרייט געפאַנגענע, שטיצט געפאַלענע און גלייכט אויס
איינגעבויגענע.

דיך אַליין ווילען מיר דאַנקען; אָבער מיר קענען ניט אויסשפּרע=
כען אונזער פולע דאַנקבאַרקייט, ווען אפילו אונזער מויל וואָלט
געווען פול מיט לויב=ליעדער, אַזוי פול ווי דער ים איז מיט וואַ=
סער, און אונזער צונג וואָלט געווען פול מיט געזאַנג, ווי די אונ=
צעהלבאַרע כוואַליעס פון ים, און אונזערע ליפּען פול מיט שבחים,
ווי די אונבעגרעניצטע ברייטקייט פונ׳ם הימעל; אונזערע אויגען
לייכטען ווי די זון און די לבנה, געריכטעט צו גאָט אין געבעט,
מיט אונזערע הענד אויסגעשפּרייט, ווי די אָדלער־פליגלען געגען
הימעל; אונזערע פיס גרינגע צו לויפען ווי די הירשען — אפילו
דאַן וואָלטען מיר אויך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו דאַנקען
דיר, אייביגער, אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערען, אפילו
איין טויזענדסטעל חלק, אָדער אפילו אַ צעהן=טויזענדסטעל חלק,
פאַר די אַלע טובות וואָס דו האָסט געטהאָן צו אונזערע עלטערען
און אונז אויך. מיר קענען נאָר דערמאַנען איינינע זאַכען: דו,
אייביגער, אונזער גאָט, האָסט אונז אַרויסגענומען פון מצרים פון
קנעכטשאַפט; אין צייט פון הונגער האָסטו אונז געשפּייזט און
אונז ערנעהרט זאַט. האָסט אונז מציל געווען פון שווערד, און אונז
גערעטעט פון דער מגפה, און פון שווערע און געפעהרליכע קראַנק=
הייטען האָסטו אונז אַרויסגעצויגען — אַזוי ווייט, אייביגער, אונ=
זער גאָט, האָסטו אונז געהאָלפען מיט דיין רחמנות, און דיינע
גנאָדען האָבען אונז ניט פערלאָזען. און מיר האָפען, דאָס דו, איי=
ביגער, אונזער גאָט, וועסט זיך קיינמאָל ניט אָפּקעהרען פון אונז.

דאַרום ווידמען מיר דיר, גאָט, אונזערע אַלע גלידער, וועלכע דו
האָסט אונז איינגעטהיילט. מיט דעם גייסט און אָטעם,
וואָס דו האָסט אַריינגעהויכט אין אונזערע נאָז=לעכער, און מיט׳ן
צונג אין אונזער מויל. דיזע אַלע אברים וועלען דאַנקען לויבען,
ריהמען, בעשעהנען, דערהויבען, עהרען, הייליגען און דיך אַנער=

וְיַעֲרִיצוּ. וְיַקְדִּישׁוּ וְיַמְלִיכוּ אֶת־שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ: כִּי כָל־פֶּה לְךָ יוֹדֶה. וְכָל־לָשׁוֹן לְךָ תִשָּׁבַע. וְכָל־בֶּרֶךְ לְךָ תִכְרַע. וְכָל־קוֹמָה לְפָנֶיךָ תִשְׁתַּחֲוֶה. וְכָל־לְבָבוֹת יִירָאוּךָ. וְכָל־קֶרֶב וּכְלָיוֹת יְזַמְּרוּ לִשְׁמֶךָ. כַּדָּבָר שֶׁכָּתוּב: כָּל־עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה. יְיָ. מִי כָמוֹךָ: מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ. וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ: מִי יִדְמֶה־לָּךְ. וּמִי־יִשְׁוֶה־לָּךְ. וּמִי יַעֲרָךְ־לָךְ. הָאֵל הַגָּדוֹל. הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא. אֵל עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: נְהַלֶּלְךָ. וּנְשַׁבֵּחֲךָ. וּנְפָאֶרְךָ. וּנְבָרֵךְ אֶת־שֵׁם קָדְשֶׁךָ כָּאָמוּר. לְדָוִד. בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְיָ. וְכָל־קְרָבַי אֶת־שֵׁם קָדְשׁוֹ:

הָאֵל בְּתַעֲצֻמוֹת עֻזֶּךָ. הַגָּדוֹל בִּכְבוֹד שְׁמֶךָ. הַגִּבּוֹר לָנֶצַח. וְהַנּוֹרָא בְּנוֹרְאוֹתֶיךָ: הַמֶּלֶךְ הַיּוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא:

שׁוֹכֵן־עַד. מָרוֹם וְקָדוֹשׁ שְׁמוֹ: וְכָתוּב. רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּייָ. לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה: בְּפִי יְשָׁרִים תִּתְהַלָּל. וּבְדִבְרֵי צַדִּיקִים תִּתְבָּרַךְ. וּבִלְשׁוֹן חֲסִידִים תִּתְרוֹמָם. וּבְקֶרֶב קְדוֹשִׁים תִּתְקַדָּשׁ:

קענען אַלס אונז קעניג. וואָרים יעדעם מויל דאַרף דיר דאַנקען, יעדער צונג דאַרף דיר צושווערען טרייהייט, יעדע קניע דאַרף צו דיר קניען און יעדער קערפּער דאַרף זיך בוקען פאַר דיר. אַלע הערצער דאַרפען דיך רעספּעקטירען מיט עהרפורכט, און אַלע אינוויינינגסטע גלידער זאָלען זינגען צו עהרען דיין נאָמען, אַזוי ווי עס שטעהט: „אַלע מיינע ביינער זאָגען: גאָט, ווער איז צו דיר גלייך? דו שיצט דעם שוואַכען פון דעם וואָס איז שטאַרקער פון איהם, דעם אָרימען און בעדערפטיגען פון זיין פּלינדערער“ 1).
ווער איז צו דיר עהנליך און ווער קען זיך גלייכשעצען צו דיר? דו גרויסער, שטאַרקער און עהרפורכטיגער גאָט! דער גאָט דער אַלערהעכסטער, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד. מיר וועלען דיך לויבען, ריהמען, בעשעהנען און בעזינגען דיין הייליגען נאָמען, אַזוי ווי עס שטעהט: „אַ געזאַנג פון דוד: לויב גאָט, מיין נשמה! אַלעס וואָס איז אין מיר, לויבט זיין הייליגען נאָמען“ 2).

אָ, גאָט, דו ביזט מעכטיג אין דיין שטאַרקייט, גרויס אין דיין עהרען־נאָמען, אייביג אונבעזיעגבאַר, בעוואונדערט פאַר דיינע וואונדערליכע טהאַטען. דער קעניג, וועלכער זיצט אויף אַ פּרעכטיגען טראָן פון גערעכטיגקייט.

ער בעוואוינט די אייביגקייט. זיין נאָמען איז הייליג און דערהויבען. עס שטעהט אויך: „פרעהט זיך, איהר צדיקים, מיט געזאַנג צו גאָט; די אויפריכטיגע פּאַסט צו ריהמען גאָט“ 3). דעריבער, ווערסטו, גאָט, געלויבט מיט'ן מויל פון די אויפריכטיגע, מיט די ווערטער אויף די ליפּען פון די צדיקים ווערסטו געזעגענט, מיט דעם צונג פון די פרומע ווערסטו דערהויבען, און מיט די אינוויינינגסטע גלידער פון די פרומע ווערסטו געהייליגט.

אין צעהנדליגע טויזענדער קהלות פון דיין פאָלק ישראל, אין יעדען דור, ווערט דיין נאָמען, אונזער קעניג, בעזינגען און

1) תהלים לה, י. 2) תהלים קג, א. 3) תהלים לג, א.

וּבְמַקְהֲלוֹת רִבְבוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל. בְּרִנָּה יִתְפָּאַר שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ בְּכָל־דּוֹר וָדוֹר: שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל־הַיְצוּרִים. לְפָנֶיךָ. יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. לְהוֹדוֹת. לְהַלֵּל. לְשַׁבֵּחַ. לְפָאֵר. לְרוֹמֵם. לְהַדֵּר. לְבָרֵךְ לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס. עַל־כָּל־דִּבְרֵי שִׁירוֹת וְתִשְׁבְּחוֹת דָּוִד בֶּן־יִשַׁי. עַבְדְּךָ מְשִׁיחֶךָ:

יִשְׁתַּבַּח שִׁמְךָ לָעַד מַלְכֵּנוּ. הָאֵל, הַמֶּלֶךְ, הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ, בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ. כִּי־לְךָ נָאֶה יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שִׁיר וּשְׁבָחָה, הַלֵּל וְזִמְרָה, עֹז וּמֶמְשָׁלָה, נֶצַח, גְּדֻלָּה וּגְבוּרָה, תְּהִלָּה וְתִפְאֶרֶת, קְדֻשָּׁה וּמַלְכוּת, בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם:

יְהַלְלוּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ כָּל־מַעֲשֶׂיךָ וַחֲסִידֶיךָ צַדִּיקִים עוֹשֵׂי רְצוֹנֶךָ. וְכָל־עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, בְּרִנָּה יוֹדוּ, וִיבָרְכוּ, וִישַׁבְּחוּ, וִיפָאֲרוּ, וִירוֹמְמוּ, וְיַעֲרִיצוּ, וְיַקְדִּישׁוּ, וְיַמְלִיכוּ אֶת־שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ. כִּי־לְךָ טוֹב לְהוֹדוֹת. וּלְשִׁמְךָ נָאֶה לְזַמֵּר. כִּי מֵעוֹלָם וְעַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, מֶלֶךְ מְהֻלָּל בַּתִּשְׁבָּחוֹת:

גערי‌המט, ווייל עס איז די פליכט פון אַלע דיינע בעשעפענישען דיר, אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערען, צו דאַנקען, צו לויבען, צו ריהמען, צו בעשעהנען, צו דערהויבען, צו הויכאַכטען, צו זינגען, צו הויכשטעלען און צו עהרען — מיט אַלע ליעדער און לויב־געזאַנגען פון דוד בן ישי, דיין דיענער און דיין משיח.

זאָל דיין נאָמען, אונזער קעניג, גרויסער און הייליגער גאָט און הערשער, זיין געלויבט אויף אייביג. ווייל צו דיר, אייביגער, אונזער גאָט און גאָט פון אונזערע עלטערען, פּאַסט זעהר שעהן ליעדער, רוהם, לויב און געזאַנג; מעכטיגקייט, הערשאַפט, זיעג־רייך, גרויסקייט, העלדישקייט, אַכטונג און בעשעהנונג, הייליג־קייט און קעניגס־ווירדע, זעגונג און דאַנקזאָגונג, פון איצט אָן, ביז אויף אייביג.

דוד המלך, ישראל'ס לירישער פאָעט, בעגייסטערט מיט רוח הקודש

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:

ושותין יין הכוס הרביעית ואומרים ברכה אחרונה:

Drink the Fourth Cup of Wine, and say the concluding benediction;

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. עַל־־הַגֶּפֶן וְעַל־פְּרִי הַגֶּפֶן, וְעַל־תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה, וְעַל־אֶרֶץ חֶמְדָּה, טוֹבָה וּרְחָבָה, שֶׁרָצִיתָ וְהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ, לֶאֱכוֹל מִפִּרְיָהּ וְלִשְׂבּוֹעַ מִטּוּבָהּ. רַחֶם נָא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַל־יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ, וְעַל־יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ, וְעַל־־צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ, וְעַל־מִזְבְּחֶךָ וְעַל־הֵיכָלֶךָ. וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. וְהַעֲלֵנוּ לְתוֹכָהּ. וְשַׂמְּחֵנוּ בְּבִנְיָנָהּ. וְנֹאכַל מִפִּרְיָהּ, וְנִשְׂבַּע מִטּוּבָהּ. וּנְבָרֶכְךָ עָלֶיהָ בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה: (בשבת וּרְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה) וְשַׂמְּחֵנוּ בְּיוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה: כִּי אַתָּה יְיָ טוֹב וּמֵטִיב לַכֹּל וְנוֹדֶה־לְּךָ עַל הָאָרֶץ וְעַל פְּרִי הַגָּפֶן: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, עַל הָאָרֶץ וְעַל־פְּרִי הַגָּפֶן:

אם שתה שאר משקין חוץ מיין אומרים:

On other beverage than wine say:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת

עס לויבען דיך, אייביגער, אונזער גאָט, אַלע דיינע בעשעפעני־
שען, נאָכמעהר דיינע גערעכטע, פרומע, וועלכע טוהען דיין
ווילען. איבערהויפט דיין פאָלק, דאָס הויז־געזינד פון ישראל, ווע־
לען מיט געזאַנג דאַנקען, זעגנען, לויבען, בעשעהנען, דערהויבען,
עהרען, הייליגען און ווירדיגען דיין נאָמען, אונזער קעניג! ווייל
דיר, גאָט, איז גוט צו דאַנקען און צו דיין נאָמען פאַסט צו זינגען
און צו ערקלעהרען, דאָס דו ביזט גאָט פון אייביג ביז אייביג.
געלויבט איז גאָט, דער הערשער, וועלכער איז געעהרט מיט לויב־
געזאַנגען.

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער
וועלט, וואָס האָט בעשאַפען די פרוכט פון ווייןבוים.

(מען טרינקט דעם פיערטען כוס וויין. מען מאַכט אַ ברכה אחרונה:)

געלויבט איז דער אייביגער, אונזער גאָט, דער הערשער פון דער
וועלט, פאַר דעם ווייןבוים און פאַר די פרוכט פון וויינ־
בוים, און פאַר די פּראָדוקטען פון דעם פעלד; פאַר דאָס אַנגע־
נעהמע גוטעס און ברייטעס לאַנד (ארץ ישראל), וואָס עס איז
געוועזען דיין רצון צו שענקען אונזערע עלטערען, זיי זאָלען געניסען
פון איהר פרוכטען און זיך זעטיגען פון איהר גוטסקייט. אָ, איי־
ביגער, אונזער גאָט, האָב רחמנות אויף דיין פאָלק ישראל אויף
ירושלים דיין שטאָדט, אויף ציון, דאָס אָרט פון דיין כבוד, אויף
דיין מזבח און דיין בית־המקדש. אָ, מיר בעטען דיך, בוי ווידער
אויף דיין הייליגע שטאָדט ירושלים, אין גיכען, נאָך אין אונזערע
צייטען, און פיהר אונז דאָרט אַהין, כדי אונז צו דערפרעהען אין
איהר אויפבויאונג; דאָס מיר זאָלען זוכה זיין צו עסען פון איהרע
פרוכטען און זיך זעטיגען מיט איהר גוטסקייט. דאַן וועלען מיר
דיך לויבען מיט אַ ריינעם און הייליגען געוויסען. זאָל גאָט אונז
[שטאַרקען צו האַלטען דיזען שבת, און אונז] דערפרעהען מיט
דיעזען יום טוב פון מצות, ווייל דו, גאָט, ביזט גוט און טהוסט
אַלעמען גוטעס. מיר דאַנקען דיר ווידער פאַר דאָס הייליגע לאַנד
און פאַר די פרוכט פון ווייןבוים; געלויבט איז דער אייביגער,
אונזער גאָט, פאַר דאָס לאַנד און פאַר די פרוכט פון ווייןבוים.

רִבּוֹת וְחֶסְרוֹנָן עַל־כָּל־מַה שֶּׁבָּרָא לְהַחֲיוֹת בָּהֶם נֶפֶשׁ
כָּל־חָי. בָּרוּךְ חֵי הָעוֹלָמִים:



נִרְצָה.

אם עשה כסדר הזה מעשיו רצוים לפני המקום ב"ה.

15. ACCEPTANCE: A prayer that the Seder be acceptable to God.

־סַל סִדּוּר פֶּסַח כְּהִלְכָתוֹ.
כְּכָל־מִשְׁפָּטוֹ וְחֻקָּתוֹ.
כַּאֲשֶׁר זָכִינוּ לְסַדֵּר
אוֹתוֹ. כֵּן נִזְכֶּה לַעֲשׂוֹתוֹ:
זָךְ שׁוֹכֵן מְעוֹנָה.
קוֹמֵם קְהַל עֲדַת מִי מָנָה:
בְּקָרוֹב נַהֵל נִטְעֵי כַנָּה. פְּדוּיִם לְצִיּוֹן בְּרִנָּה:

לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם:

15. נרצה.

(אַ תפלה דאָס דער סדר זאָל אָנגענומען ווערען ביי גאָט:)

חסל — דער סדר פון פסח איז איצט צו ענדע, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, לויט זיינע דינים און מנהגים. מיר בעטען גאָט, אַז אַזוי ווי מיר האָבען זוכה געווען פאָרצושטעלען דעם סדר פון קרבן פסח, אַזוי זאָלען מיר זוכה זיין איהם צו מאַכען אין ווירקליכקייט [אין ארץ ישראל]. אָ, דו אייביגער גאָט, וועלכער רוהט אין הי־מעל, האַלט אויף „די אונצעהלבאַרע מיטגליעדער פון דער אידי־שער קהלה" *) און אין גיכען פיהר מיט פרייד די אויסגעלייזטע „צווייגען פון ווייַנבוים וואָס דו האָסט געפלאַנצט" **), נאָך ציון.

„דאָס קומענדע יאָהר האָפען מיר צו זיין אין ירושלים!"

זאָל דער באַרימהערציגער אונז מזכה זיין צו דערלעבען משיח׳ס צייטען („והיה באחרית הימים" — זעה ישעיה ב, ד; יא, א)

(זעה זייט 39)

---

*) במדבר כג, י. **) תהלים פ, יא.

בליל ראשון אומרים זה:

On the first night say this:

וּבְכֵן וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

אָז רוֹב־נִסִּים הִפְלֵאתָ — בַּלַּיְלָה:

בְּרֹאשׁ אַשְׁמֹרֶת זֶה — הַלַּיְלָה:

גֵּר־צֶדֶק נִצַּחְתּוֹ כְּנֶחֱלַק לוֹ — לַיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

דַּנְתָּ מֶלֶךְ גְּרָר בַּחֲלוֹם — הַלַּיְלָה:

הִפְחַדְתָּ אֲרַמִּי בְּאֶמֶשׁ — לַיְלָה:

וַיָּשַׂר יִשְׂרָאֵל לְמַלְאָךְ וַיּוּכַל־לוֹ — לַיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

זֶרַע בְּכוֹרֵי פַתְרוֹס מָחַצְתָּ בַּחֲצִי — הַלַּיְלָה:

חֵילָם לֹא־מָצְאוּ בְּקוּמָם — בַּלַּיְלָה:

טִיסַת נְגִיד חֲרוֹשֶׁת סִלִּיתָ בְּכוֹכְבֵי — לַיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

יָעַץ מְחָרֵף לְנוֹפֵף אִוּוּי הוֹבַשְׁתָּ פְגָרָיו — בַּלַּיְלָה:

כָּרַע בֵּל וּמַצָּבוֹ בְּאִישׁוֹן — לַיְלָה:

(די ערשטע נאַכט סדר זאָגט מען:)

„אַזוי האָט עס פּאַסירט: עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“ 1).
דאַן האָסטו געטהאָן פיעלע וואונדער **ביינאַכט,**
אין דער ערשטער טהייל פון דער דאַזיגער **נאַכט:**
דעם גר צדק (אברהם) האָסטו געמאַכט זיעגען, ווען ער
מיט זיינע קנעכט האָבען זיך איינגעטהיילט 2) **ביינאַכט.**
(צוגעזונגען) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“.
דו האָסט געטאַדעלט דעם קעניג פון גרר אין חלום 3) **ביינאַכט.**
דו האָסט איבערגעשראָקען דעם ארמי (לבן) אין דער
פינסטערניש פון דער 4) **נאַכט.**
ישראל (יעקב) האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן מלאך און
איהם בייגעקומען 5) **ביינאַכט.**
(צוגעזונגען) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“.
די בכורים פון פּתרוס (עגיפּטען) האָסטו געטויטעט אין
האַלבער **נאַכט.**
זיי האָבען ניט געפונען זייער פערמעגענס (רכוש) ווען
זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט 6) **ביינאַכט.**
די אַנטלאָפענע פון דעם פרינץ פון חרושת (סיסרא)
האָסטו געשטירצט; די שטערן פון הימעל האָבען
געקעמפפט געגען זיי 7) **ביינאַכט.**
(צוגעזונגען) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“.
דער גאָט-לעסטערער (סנחריב) האָט געדענקט ער וועט
אויפהויבען זיין האַנד געגען די בעליעבטע (ציון) 8) **ביינאַכט.**
אָבער דו האָסט געלאָזט די טויטע קערפּער פון זיין
אַרמעע פוילען 9) **ביינאַכט.**

---

1) שמות יב, כט. 2) בראשית יד, טו. 3) בראשית כ, ג. 4) בראשית לא, כט. 5) בראשית לב, כט. 6) שמות יב, לו. 7) שופטים ה, כ. 8) ישעיה י, לב. 9) מלכים ב' יט, לז.

לְאִישׁ חֲמוּדוֹת נִגְלָה רָז חֲזוֹת לַיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

מִשְׁתַּכֵּר בִּכְלֵי קֹדֶשׁ נֶהֱרַג בּוֹ בַּלַּיְלָה:

נוֹשַׁע מִבּוֹר אֲרָיוֹת פּוֹתֵר בִּעֲתוּתֵי לַיְלָה:

שִׂנְאָה נָטַר אֲגָגִי וְכָתַב סְפָרִים בַּלַּיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

עוֹרַרְתָּ נִצְחֲךָ עָלָיו בְּנֶדֶד שְׁנַת לַיְלָה:

פּוּרָה תִדְרוֹךְ לְשׁוֹמֵר מַה מִּלַּיְלָה:

צָרַח כַּשּׁוֹמֵר וְשָׂח, אָתָא בֹקֶר וְגַם לַיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

קָרֵב יוֹם, אֲשֶׁר הוּא לֹא יוֹם וְלֹא לַיְלָה:

רָם, הוֹדַע כִּי־לְךָ הַיּוֹם אַף־לְךָ הַלַּיְלָה:

שׁוֹמְרִים הַפְקֵד לְעִירְךָ כָּל־הַיּוֹם וְכָל־הַלַּיְלָה:

תָּאִיר כְּאוֹר יוֹם חֶשְׁכַּת לַיְלָה:

וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה:

דער גענץ בל מיט זיין סטאַטוע איז געוואָרען צוזאַמען־
געפאַלען אין דער פינסטערער 10) **נאַכט.**

צו דיין בעליעבטען מאַן (דניאל) איז ענטפּלעקט גע־
וואָרען דער סוד פון חלום 11) **ביינאַכט.**

(צוגעזונגען) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“.

ער (בלשאצר) האָט זיך אָנגעשיכור'ט, טרינקענדיג פון
די כלי קודש (פון בית המקדש), איז ער גע'הרג'עט
געוואָרען אין דיזער 12) **נאַכט.**

ער (דניאל) איז ניצל געוואָרען פון לייבען־גרוב, און האָט
פּותר געווען דעם שרעקעדיגען חלום פון דער 13) **נאַכט.**

דער אגגי (המן) האָט געטראַגען נקמה־האַס, און האָט
געשריבען פערדאַמונגס־בריף (געגען אידען) 14) **ביינאַכט.**

דו האָסט דיין נצחון איבער איהם דורכגעפיהרט, דורך
דעם וואָס דו האָסט געשטערט (אחשורוש'ן) זיין
שלאָף 15) **ביינאַכט.**

(צוגעזונגען) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“.

איצט בעטען מיר, דאָס דו, גאָט, זאָלסט שוין אַליין
טרעטען (די שונאים ווי אין) אַ קעלטער (וויין־פּרעס)
פאַר די אידען וואָס פרעגען דעם היטער (גאָט): וואָס
וועט זיין פון דער 16) **נאַכט?“**

ער שרייט ווי אַ שומר און ענטפערט: „עס קומט דער
טאָג, פונקט ווי עס קומט די 17) **נאַכט“.**

(צוגעזונגען) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט“.

אַ, גאָט, אייל צו דעם קומענדען טאָג, וועלכער איז „ניט
טאָג און ניט 18) **נאַכט“.**

גרויסער גאָט, מאַך שוין בעקאַנט, דאָס דיר געהערט
דער טאָג און די 19) **נאַכט.**

10) ישעיה סא, א. 11) דניאל י, יא. 12) דניאל ה, ל. 13) דניאל ה, יז. 14) אסתר ג, יב. 15) אסתר ו, א. 16) ישעיה כא, יא־יב. 17) „נאַכט און טאָג“ זיינען סימבאָליש דער גלות און די גאולה. 18) זכריה יד, ו. 19) תהלים עד, טז. 20) ישעיה סב, ו. 21) ישעיה ל, כו.

בליל שני אומרים זה:

On the second night say this:

וּבְכֵן וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

אֹמֶץ גְּבוּרוֹתֶיךָ הִפְלֵאתָ   בַּפֶּסַח:

בְּרֹאשׁ כָּל־מוֹעֲדוֹת נִשֵּׂאתָ   פֶּסַח:

גִּלִּיתָ לְאֶזְרָחִי חֲצוֹת לֵיל   פֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

דְּלָתָיו דָּפַקְתָּ כְּחֹם הַיּוֹם   בַּפֶּסַח:

הִסְעִיד נוֹצְצִים עֻגוֹת מַצּוֹת   בַּפֶּסַח:

וְאֶל־הַבָּקָר רָץ זֵכֶר לְשׁוֹר עֵרֶךְ   פֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

זוֹעֲמוּ סְדוֹמִים וְלוֹהֲטוּ בָּאֵשׁ   בַּפֶּסַח:

חֻלַּץ לוֹט מֵהֶם וּמַצּוֹת אָפָה בְּקֵץ   פֶּסַח:

טִאטֵאתָ אַדְמַת מוֹף וְנוֹף בְּעָבְרְךָ   בַּפֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

יָהּ, רֹאשׁ כָּל־אוֹן מָחַצְתָּ בְּלֵיל שִׁמּוּר   פֶּסַח:

שטעל אָוועק שומרים פאַר דיין שטאָדט, דעם גאַנצען
טאָג און די גאַנצע 20) **נאַכט.**
אַ, גאָט, בעלייכט שוין, אַזוי ווי די ליכט פון טאָג, אויך
די פינסטערניש פון דער 21) **נאַכט.**
(צוגעזונגעז) „עס איז געווען אין האַלבער נאַכט".

(די צווייטע סדר־נאַכט פון פסח זאָגט מען:)

„און דאַן זאָלט איהר זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח" 1).
דיינע גרויסע גבורות האָסטו וואונדערליך געצייגט אום **פסח,**
דאַרום האָסטו איבער אַלע ימים טובים דערהויבען **פסח:**
דו האָסט ענטפּלעקט אונזער צוקונפט צו אזרחי (אברהם)
אין האַלבער נאַכט 2) פון **פסח.**
(צוגעזונגעז) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח".
ביי זיין טיר האָסטו געקלאַפּט אין מיטען הייסען טאָג 3)
פון **פסח.**
צו דיינע מלאכים האָט ער געגעבען עסען מצות אום **פסח.**
ער איז געלאָפען צוגרייטען פאַר אַ יונגען אָקס אַלס צייכען
פון „אָקס" אין בעצוג אויף 4) **פסח.**
(צוגעזונגעז) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח".
די מענשען פון סדום האָבען דערצאָרענט גאָט, זיינען זיי
פערברענט געוואָרען פון אַ פלאַם פייער אין **פסח.**
לוט אַליין האָט זיך צוריקגעצויגען פון זיי, און האָט גע־
באַקען מצות (פאַר די מלאכים) אין צייט פון 5) **פסח.**
(צוגעזונגעז) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח".
דו האָסט אויסגעראַמט דאָס לאַנד פון מוף און נוף (די
עגיפּטער), דורכגעהענדיג דורך זיי 6) אום **פסח.**
(צוגעזונגעז) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח".
יעדען ערשטגעבוירענעם (פון די מצריים) האָסטו, גאָט,
דערשלאָגען אין דער וואַך־נאַכט פון **פסח,**
נאָר דעם זוהן פון דיין אייגענעם בכור, שטאַרקער גאָט,
האָסטו פערהיטען דורך דעם בלוט־צייכען פון **פסח,**

1) שמות יב, כז. 2) בראשית טו, ט. 3) בראשית יח, א. 4) שור או כשב (ויקרא כב, כו), וואָ סמען לייענט דעם צווייטען טאָג פסח. 5) בראשית יט, ג. 6) שמות יב, יב. 7) שמות יב, יג.

כַּבִּיר עַל־בֵּן בְּכוֹר פָּסַחְתָּ בְּדַם פֶּסַח:

לְבִלְתִּי תֵּת מַשְׁחִית לָבֹא בִּפְתָחַי בַּפֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

מְסֻגֶּרֶת סֻגָּרָה בְּעִתּוֹתֵי פֶּסַח:

נִשְׁמְדָה מִדְיָן בִּצְלִיל שְׂעוֹרֵי עֹמֶר פֶּסַח:

שֹׂרְפוּ מִשְׁמַנֵּי פּוּל וְלוּד בִּיקַד יְקוֹד פֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

עוֹד הַיּוֹם בְּנֹב לַעֲמוֹד עַד גָּעָה עוֹנַת פֶּסַח:

פַּס יַד כָּתְבָה לְקַעֲקֵעַ צוּל בַּפֶּסַח:

צָפֹה הַצָּפִית עָרוֹךְ הַשֻּׁלְחָן בַּפֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

קָהָל כִּנְּסָה הֲדַסָּה צוֹם לְשַׁלֵּשׁ בַּפֶּסַח:

רֹאשׁ מִבֵּית רָשָׁע מָחַצְתָּ בְּעֵץ חֲמִשִּׁים בַּפֶּסַח:

שְׁתֵּי אֵלֶּה רֶגַע תָּבִיא לְעוּצִית בַּפֶּסַח:

תָּעֹז יָדְךָ וְתָרוּם יְמִינְךָ כְּלֵיל הִתְקַדֵּשׁ חַג פֶּסַח:

וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח:

כדי אויסצושליסען די מגפה ניט צו בעטרעטען די טירען
פון אונזערע הייזער 7) אום **פסח.**

(צוגעזונגעו) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח“.

די פעסט געשלאָסענע שטאָדט (יריחו) איז געפאַלען אין
דער צייט 8) פון **פסח.**

מדין איז פערניכטעט געוואָרען דורך דעם קיכעל פון
גערשטען מעהל, פון וועלכען מען ברייננט דעם עומר 9)
אום **פסח.**

די גבורים פון פול און לוד (אשור) זיינען אויסגעצעהרט
געוואָרען פון דעם בראַנד־פייער (פיעבער) 10) אום **פסח.**

(צוגעזונגעו) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח“.

נאָך היינטיגען טאָג (זאָגט סנחריב) וועלען מיר שטעהן
בלייבען אין נוב (ניט ווייט פון ירושלים) ביז עס האָט
געגרייכט די צייט 11) פון **פסח.**

די האַנדשריפט אויף דער וואַנד האָט פאָראויסגעזאָגט
דאָס צערשטערונג פון צול (בבל) 12) אום **פסח.**

די לאָמפען ברענגען, די טישען זיינען געדעקט (צו דער
סעודה פון בלשאצר 13) אום **פסח.**

(צוגעזונגעו) „איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח“.

הדסה (אסתר) האָט צוזאַמענגערופען די אידען, און גע־
הייסען פאַסטען דריי טעג 14) אין **פסח.**

דער הויפט פון די רשעים־באַנדע (המן) איז געהאנגען
געוואָרען אויף אַ תליה, פופציג איילען הויך 15),
אום **פסח.**

אַ דאָפּעלטער אונגליק וועט טרעפען עוץ (אדום) אויגענ־
בליקליך אין 16) **פסח.**

אָ, גאָט, צייג דעם כח פון דיין שטאַרקען אָרעם און הויב
אויף דיין מעכטיגע האַנד, אַזוי ווי דו האָסט געצייגט

---

8) יהושע ו, א־כ. 9) שופטים ז, יג. 10) ישעיה י, טז. 11) ישעיה י, לב. 12) ישעיה מד, כד. 13) ישעיה כא, ה. 14) אסתר ד, טז. 15) אסתר ז, י. 16) ישעיה מז, ט. 17) ישעיה ל, כט.

כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

אַדִּיר בִּמְלוּכָה. בָּחוּר כַּהֲלָכָה. גְּדוּדָיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

דָּגוּל בִּמְלוּכָה. הָדוּר כַּהֲלָכָה. וָתִיקָיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

זַכַּאי בִּמְלוּכָה. חָסִין כַּהֲלָכָה. טַפְסְרָיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

יָחִיד בִּמְלוּכָה. כַּבִּיר כַּהֲלָכָה. לִמּוּדָיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

מוֹשֵׁל בִּמְלוּכָה. נוֹרָא כַּהֲלָכָה. סְבִיבָיו יֹאמְרוּ לוֹ:

אין דער נאַכט ווען מען פייערט דעם יום טוב 17) פון **פסח**,
„איהר זאָלט זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח“. (צוגעזונגען)

כי לו נאה, כי לו יאה *)

„איהם (גאָט) איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“.

ער איז הערליך אין זיין הערשאַפט, ווירקליך עמינענט; אַ מחנה פון זיינע מלאכים זאָגען צו איהם: צו דיר, ריכטיג צו דיר, נאָר צו דיר, צו דיר אַליין, אונזער גאָט, געהערט די הערשאַפט.

„איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“. (צוגעזונגען)

ער איז דערהויבען אין זיין הערשאַפט, ווירקליך פּרעכטיג, זיינע געטרייע מלאכים זאָגען צו איהם: צו דיר, ריכטיג צו דיר, צו דיר אַליין, אונזער גאָט, געהערט די הערשאַפט.

„איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“. (צוגעזונגען)

ער איז גערעכט אין זיין הערשאַפט, ווירקליך שטאַרק; די הויפט מלאכים זאָגען צו דיר, ריכטיג צו דיר, צו דיר אַליין, אונזער גאָט, געהערט די הערשאַפט.

„איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“. (צוגעזונגען)

ער איז איין איינציגער גאָט אין זיין הערשאַפט, ווירקליך מעכטיג; זיינע געלעהרנטע מלאכים זאָגען צו איהם: צו דיר, ריכטיג צו דיר, צו דיר אַליין, אונזער גאָט, געהערט די הערשאַפט.

„איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“. (צוגעזונגען)

ער איז דער קעניג אין זיין הערשאַפט, ווירקליך עהרפורכטיג; זיינע מלאכים, וועלכע זיינען ארום איהם, זאָגען צו איהם: צו דיר, ריכטיג צו דיר, נאָר צו דיר אַליין געהערט די הער־שאַפט.

„איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“. (צוגעזונגען)

*) די ווערטער „לך ולך, לך כי לך, לך אף לך“ זיינען אַבגעקירצטע פסוקים, אין וועלכע עס געפינען זיך דיעזע ווערטער: דיר, גאָט פון ציון, פּאַסט אַ לויב־געזאַנג (תהלים סה, ב): צו דיר געהערט טאָג, אויך דיר געהערט נאַכט (תהלים עד, טז): דיר געהערט די הער־שאַפט (דברי הימים ב׳, כט, יא).

לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

עָנָיו בִּמְלוּכָה. פּוֹדֶה כַּהֲלָכָה. צַדִּיקָיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

קָדוֹשׁ בִּמְלוּכָה. רַחוּם כַּהֲלָכָה. שִׁנְאַנָּיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

תַּקִּיף בִּמְלוּכָה. תּוֹמֵךְ כַּהֲלָכָה. תְּמִימָיו יֹאמְרוּ לוֹ:
לְךָ וּלְךָ. לְךָ כִּי לְךָ. לְךָ אַף־לְךָ. לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה:
כִּי לוֹ נָאֶה. כִּי לוֹ יָאֶה:

אַדִּיר הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

ער איז אַן עניו (בעשיידען) אין זיין הערשאַפט, ווירקליך אַן ערלייזער; זיינע גערעכטע מלאכים זאָגען צו איהם: צו דיר, ווירקליך צו דיר, נאָר צו דיר, צו דיר אַליין געהערט די הערשאַפט.

(צוגעזונגען) „איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“.

ער איז הייליג אין זיין הערשאַפט, ער איז ווירקליך אַ דערבאַרמדיגער; זיינע שטראַהלענדע מלאכים זאָגען צו איהם: צו דיר, ווירקליך צו דיר, נאָר צו דיר, צו דיר אַליין געהערט די הערשאַפט.

(צוגעזונגען) „איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“.

ער איז אונזער פּערוואַלטער, ווירקליך אונזער שטיצער; זיינע פאָלקאָמענע מלאכים זאָגען צו איהם: צו דיר, ווירקליך צו דיר, נאָר צו דיר, צו דיר אַליין געהערט די הערשאַפט.

(צוגעזונגען) „איהם איז שעהן צו לויבען, איהם פּאַסט צו לויבען“.

אדיר הוא *)

ער איז הערליך; באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט, בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

ער איז עמינענט, ער איז גרויס, ער איז דערהויבען; באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט, בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

---

*) די צוויי הימנען, „כי לו נאה“ און „אדיר הוא“, זיינען פריהער געווען פערטהיילט: „כי לו נאה“ — פאַר'ן ערשטען סדר, און „אדיר הוא“ — פאַר'ן צווייטען סדר, אַזוי ווי עס איז ערקלעהרט אין דער הגדה וועלכע איז געדרוקט אין קעניגסבערג אין 1644, נאָר אין אַ צייט שפּעטער זיינען זיי געוואָרען אַזוי בעליעבט ביים עולם, דאָס מען האָט ביידע געזונגען ביי יעדע סדר־נאַכט. ביידע הימנען זיינען פערפאַסט אויפ'ן זעלבען אופן, יעדער בעשטעהט פון בייווערטער נאָכ'ן אלף־בית, וועלכע בעצייכענען די אייגענשאַפטען פון גאָט, אין אַכט סטראָפען, מיט אַ צוגעזאַנג פון די אַנוועזענדע וועלכע זיצען ביים סדר.

בָּחוּר הוּא. גָּדוֹל הוּא. דָּגוּל הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

הָדוּר הוּא. וָתִיק הוּא. זַכַּאי הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

חָסִיד הוּא. טָהוֹר הוּא. יָחִיד הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

כַּבִּיר הוּא. לָמוּד הוּא. מֶלֶךְ הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

נוֹרָא הוּא. סַגִּיב הוּא. עִזּוּז הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

ער איז פּרעכטיג, ער איז געטריי, ער איז גערעכט;
באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט,
בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

ער איז נאָבעל, ער איז לויטער, ער איז איינציג;
באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט,
בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

ער איז מעכטיג, ער איז קלוג, ער איז הערשער;
באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט,
בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

ער איז עהרענפורכטיג, ער איז שטאַרק, ער איז ווירקזאַם;
באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט,
בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

ער איז אונזער דערלייזער, ער איז רעכטפערטיג, ער איז הייליג;
באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט,
בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

ער איז דערבאַרימדיג, ער גיט איבערגענוג, ער איז פערוואַלטער;
באַלד וועט ער אויפבויען זיין טעמפּעל.

(צוגעזונגען)
באַלד, באַלד, גלייך אין אונזער צייט; אָ גאָט, בוי, אָ גאָט,
בוי, בוי שוין אויף דיין טעמפּעל, גלייך אין אונזער צייט.

פּוֹדֶה הוּא. צַדִּיק הוּא קָדוֹשׁ הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב:

רַחוּם הוּא. שַׁדַּי הוּא. תַּקִּיף הוּא. יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב:
בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב:
אֵל בְּנֵה. אֵל בְּנֵה. בְּנֵה בֵיתְךָ בְּקָרוֹב.

אֶחָד מִי יוֹדֵעַ. אֶחָד אֲנִי יוֹדֵעַ. אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

שְׁנַיִם מִי יוֹדֵעַ. שְׁנַיִם אֲנִי יוֹדֵעַ. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית.
אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:



One — אחד

אברהם אבינו בעגעגענד די דריי מלאכים
(זעה זייט 55)

אחד מי יודע? *)

(בעל־הבית)

ווער ווייס די בעדייטונג פון איינס?

(אנוועזענדע)

איינס ווייס איך: איינס איז אונזער גאָט, וועלכער איז אין הימעל און אויף דער ערד.

*) דאָס איז אַ רעטעניש געזאַנג פאַר די קינדער. עס איז פערטהיילט אין דרייצעהן סטראָפען. די צאָהל דרייצעהן איז אַ גוטער סימן: אחד בעטרעפט דרייצעהן, מיר האָבען דרייצעהן מדות און דרייצעהן עקרים, דרייצעהן יאָהר צו בר־מצוה און נאָך. עס איז אויך מעגליך, דאָס די צאָהלען, איינס, צוויי, דריי א. ז. וו., האָט אַ נאָהענטע שייכות מיט די ספירת העומר, וואָס פאַנגט אָן דעם צווייטען טאָג פסח, כדי די קינדער זאָלען זיך אויסלערנען צו צעהלען די טעג פון עומר ביז שבועות.

שְׁלשָׁה מִי יוֹדֵעַ. שְׁלשָׁה אֲנִי יוֹדֵעַ. שְׁלשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית:

אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:



Two — שנים

אַרְבַּע מִי יוֹדֵעַ. אַרְבַּע אֲנִי יוֹדֵעַ. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית.

אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:



Three — שלשה

חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ. חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית:

אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

(בעל־הבית)

וועך ווײם צוויי ?

(אַנוועזענדע)

צוויי ווייס איך: צוויי זיינען די לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

ווער ווייס דריי ?



בלשאצר, דער קעניג פון בבל, האָט זיך אָנגע׳שיכור׳ט, טרינקענדיג וויין פון די כלים פון בית המקדש, איז גע׳הרג׳עט געוואָרען אין דיזער נאַכט

(זעה זייט 54)

Four — ארבע



Five — חמשה

שִׁשָּׁה מִי יוֹדֵעַ. שִׁשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ. שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלֹשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית:

אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

שִׁבְעָה מִי יוֹדֵעַ. שִׁבְעָה אֲנִי יוֹדֵעַ. שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלֹשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית:

אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

(אנוועזענדע) **דריי** ווייס איך: דריי זיינען די אבות (אברהם, יצחק און יעקב), צוויי זיינען די לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית) ווער ווייס **פיער**?

(אנוועזענדע) **פיער** ווייס איך: פיער זיינען די אמהות (שרה, רבקה, רחל און לאה), דריי זיינען די אבות, צוויי — די לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

סנחריב זעהט די מפלה און די פגרים פון זיין ארמעע (מלכים ב, יט, לה)
(זעה זייט 53)



Six — ששה



Seven — שבעה

שְׁמוֹנָה מִי יוֹדֵעַ. שְׁמוֹנָה אֲנִי יוֹדֵעַ. שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה. שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלֹשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית: אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

תִּשְׁעָה מִי יוֹדֵעַ. תִּשְׁעָה אֲנִי יוֹדֵעַ. תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה. שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה. שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלֹשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית: אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

יוסף ערקלעהרט דעם חלום פון פרעה (דאָרעי)

עֲשָׂרָה מִי יוֹדֵעַ. עֲשָׂרָה
אֲנִי יוֹדֵעַ. עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא.
תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה.
שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה. שִׁבְעָה
יְמֵי שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי
מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי
תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת.
שְׁלשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת
הַבְּרִית:

אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
וּבָאָרֶץ:

אַחַד עָשָׂר מִי יוֹדֵעַ.
אַחַד עָשָׂר אֲנִי יוֹדֵעַ.
אַחַד עָשָׂר כּוֹכְבַיָּא.
עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא. תִּשְׁעָה
יַרְחֵי לֵדָה. שְׁמוֹנָה יְמֵי

Eight — שמונה

Nine — תשעה

(בעל־הבית)

ווער ווייס **פינף**?

(אנוועזענדע)

פינף ווייס איך: פינף זיינען די חומשים (פינף בי־כער פון משה), פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

ווער ווייס **זעקס**?

(אנוועזענדע)

זעקס ווייס איך: זעקס זיינען די זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

ווער ווייס **זיבען**?

(אנוועזענדע)

זיבען ווייס איך: זיבען זיינען די זיבען טעג פון דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

ווער ווייס **אַכט**?

(אנוועזענדע)

אַכט ווייס איך: אַכט זיינען די אַכט טעג פון געבורט ביז צום ברית־מילה, זיבען טעג פון דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

Ten — עשרה

מִילָה. שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת. שְׁלֹשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית: אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:



Eleven — אחד עשר

שְׁנֵים עָשָׂר מִי יוֹדֵעַ. שְׁנֵים עָשָׂר אֲנִי יוֹדֵעַ. שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטַיָּא. אַחַד עָשָׂר כּוֹכְבַיָּא. עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא. תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה. שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה. שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה. אַרְבַּע



יעקב אבינו מיט זיין פאמיליע עמיגרירען נאך מצרים (דארעי)

(זעה זייט 13)



Twelve — שנים עשר

Thirteen — שלשה עשר

אִמָּהוֹת. שְׁלֹשָׁה אָבוֹת.
שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית:
אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
וּבָאָרֶץ:

שְׁלֹשָׁה עָשָׂר מִי יוֹדֵעַ.
שְׁלֹשָׁה עָשָׂר אֲנִי יוֹדֵעַ.
שְׁלֹשָׁה עָשָׂר מִדַּיָּא. שְׁנֵים
עָשָׂר שִׁבְטַיָּא. אַחַד עָשָׂר
כּוֹכְבַיָּא. עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא.
תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה. שְׁמוֹנָה
יְמֵי מִילָה. שִׁבְעָה יְמֵי
שַׁבַּתָּא. שִׁשָּׁה סִדְרֵי
מִשְׁנָה. חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי
תוֹרָה. אַרְבַּע אִמָּהוֹת.
שְׁלֹשָׁה אָבוֹת. שְׁנֵי לֻחוֹת
הַבְּרִית:
אֶחָד אֱלֹהֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם
וּבָאָרֶץ:

(בעל־הבית)

וועך ווייס ניין?

(אנוועזענדע)

ניין ווייס איך: ניין זיינען די ניין מאָנאַטען פון קינ־דער־טראָגען, אַכט טעג ביז מילה, זיבען טעג אין דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

וועך ווייס צעהן?

(אנוועזענדע)

צעהן ווייס איך: צעהן זיינען די צעהן געבאָט, ניין מאָנאַטען קינדער־טראָגען, אַכט טעג ביז מילה, זיבען טעג אין דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

וועך ווייס עלף?

(אנוועזענדע)

עלף ווייס איך: עלף זיינען די עלף שטערן (וועלכע יוסף האָט געזעהן אין חלום), צעהן געבאָט, ניין מאָ־נאַטען פון קינדער־טראָגען, אַכט טעג ביז מילה, זיבען טעג פון דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

וועך ווייס צוועלף?

(אנוועזענדע)

צוועלף ווייס איך: צוועלף זיינען די שבטים, עלף די שטערן, צעהן געבאָט, ניין מאָנאַטען פון קינדער־—



The only Kid — חד גדיא

חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא. דְּזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:

וְאָתָא שֻׁנְרָא. וְאָכְלָה לְגַדְיָא. דְּזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:



The Cat ate the Kid — שונרא

וְאָתָא כַלְבָּא. וְנָשַׁךְ לְשֻׁנְרָא. דְּאָכְלָה לְגַדְיָא. דְּזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:

טראָגען, אכט טעג ביז מילה, זיבען טעג אין דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

(בעל־הבית)

ווער ווייס **דרייצעהן** ?

(אנוועזענדע)

דרייצעהן ווייס איך: דרייצעהן זיינען די מדות פון גאָט (ה׳ ה׳ אל רחום וחנון וגו׳), צוועלף שבטים, עלף שטערן, צעהן געבאָט, ניין מאָנאַטען פון קינדער־טראָגען, אכט טעג ביז מילה, זיבען טעג פון דער וואָך, זעקס סדרים פון דער משנה, פינף חומשים, פיער אמהות, דריי אבות, צוויי לוחות, איינס איז אונזער גאָט, אין הימעל און אויף דער ערד.

חד גדיא *)

דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוזאַמען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע".

דאַן איז געקומען די קאַץ און זי האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וּועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

*) דאָס איז אַ קינדער־ליעדעל, פון די אידישע לעגענדען, פערפאַסט אין אראַמעאיש, די פאָלקס־שפּראַך אין בבל, אין דער צייט פון די גאונים, אַן ערך אין ניינטען יאָהר־הונדערט. דאָס ליעד האָט מען געזונגען, כדי צו אונטערהאַלטען די קינדער, דאָס זיי זאָלען ניט איינשלאָפען, ביז צום סוף פון סדר. מען האָט אָבער דאָס ליעד ניט אַריינגעשריבען אין דער הגדה ביז צו דער צייט פון פופצעהנטען יאָהר־הונדערט, און נאָר אין די הגדות פון די אשכנזים, ווייל די ספרדים זאָגען דאָס ניט. עס פעהלען אויך אין זייערע הגדות די ליעדער „כי לו נאה" און „אדיר הוא". — מאַנכע מפרשים ערקלעהרען דאָס ליעד אַלעגאָריש, לויט דעם געזעץ פון „אַן אויג פאַר אַן אויג", אָדער מדה כנגד מדה, כדי די בעשטראָפונג זאָל פאַסען צום פערברעכען. אזוי ווי הילל, ווען ער האָט געזעהן אַ שאַרבען

The Dog bit the Cat — כלבא

וְאָתָא חֻטְרָא. וְהִכָּה לְכַלְבָּא. דְּנָשַׁךְ לְשׁוּנְרָא. דְּאָכְלָה לְגַדְיָא. דְּזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי: חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:

וְאָתָא נוּרָא. וְשָׂרַף לְחֻטְרָא. דְּהִכָּה לְכַלְבָּא. דְּנָשַׁךְ לְשׁוּנְרָא. דְּאָכְלָה לְגַדְיָא. דְּזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי: חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:



The Stick beat the Dog — חוטרא

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע“.

דאַן איז געקומען דער הונד און האָט געביסען די קאַץ וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע“.

דאַן איז געקומען אַ שטעקען און האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע“.

דאַן איז געקומען אַ פייער און האָט פערברענט דעם שטעקען, וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע“.

דאַן איז געקומען אַ וואסער און האָט פערלאָשען דאָס פייער, וואָס האָט פערברענט דעם שטעקען, וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע“.

פון אַ קאָפּ שווימען אויפ'ן וואסער, האָט ער געזאָגט: „דו האָסט געוויס דערטרונקען אַ אַנדערען, דערפאַר האָט מען דיך אויך דערטרונקען, און דער סוף וועט זיין, אַז די וועלכע האָבען דיך דערטרונקען, וועלען אויך דערטרונקען ווערען“ (אבות פ"ב, ז). אַנדערע מפרשים זאָגען, אַז דאָס איז אַ פּאַראַבעל, סימבאָליש פון דער אידישער לאַגע: די אידען זיינען געגליכען צו דעם ציעגעלע, וואָס זייערע שונאים, די הינט, ווילען אויפפרעסען, אָבער עס געלינגט זיי ניט. פיעלע אומות, אַזוי ווי מצרים, אשור, בבל, פּערסיען, גריכען, רוימער א. ז. וו. האָבען געוואָלט די אידען פערניכטען, אָבער די אידען זיינען שטענדיג ניצל געוואָרען, און האָבען זייערע שונאים איבערגעלעבט. דאָס וועט אַזוי זיין ביז משיח וועט קומען, און אַלע פעלקער וועלען אַנערקענען גאָט, די אידען וועלען בעזיצען ארץ ישראל און די תורה פון ציון וועט בעליכטען די גאַנצע וועלט. — „זוז“ איז געווען אַ קליינע זילבערנע מטבע אין צייט פון תלמוד.



The Fire burned the Stick — נורא

וְאָתָא מַיָּא.
וְכָבָא לְנוּרָא.
דְשָׂרַף לְחֻטְרָא.
דְהִכָּה לְכַלְבָּא.
דְנָשַׁךְ לְשׁוּנְרָא.
דְאָכְלָה לְגַדְיָא.
דְזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי
זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד
גַּדְיָא:



The Water quenched the Fire — מיא

וְאָתָא תוֹרָא.
וְשָׁתָה לְמַיָּא.
דְכָבָה לְנוּרָא.
דְשָׂרַף לְחֻטְרָא.
דְהִכָּה לְכַלְבָּא.
דְנָשַׁךְ לְשׁוּנְרָא. דְאָכְלָה לְגַדְיָא. דְזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:



פרעה בעט משה'ן ער זאָל פערלאָזען מצרים (דאָרעי)

וְאָתָא הַשּׁוֹחֵט. וְשָׁחַט לְתוֹרָא. דְּשָׁתָה לְמַיָּא.
דְּכָבָה לְנוּרָא.
דְּשָׂרַף לְחֻטְרָא.
דְּהִכָּה לְכַלְבָּא.
דְּנָשַׁךְ לְשׁוּנְרָא.
דְּאָכְלָה לְגַדְיָא.
דְּזַבִּין אַבָּא בִּתְרֵי
זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד
גַּדְיָא:



The Ox drank the Water — תורא

וְאָתָא מַלְאַךְ
הַמָּוֶת. וְשָׁחַט
לְשׁוֹחֵט. דְּשָׁחַט
לְתוֹרָא. דְּשָׁתָה
לְמַיָּא. דְּכָבָה
לְנוּרָא. דְּשָׂרַף

The Slanghterer killing the Ox — השוחט

דאַן איז געקומען אַן אָקס און האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, וואָס האָט אויסגעלאָשען דאָס פייער, וואָס האָט פערברענט דעם שטעקען, וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע".

דאַן איז געקומען דער שוחט און האָט געקוילעט דעם אָקס, וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, וואָס האָט פערלאָשען דאָס פייער, וואָס האָט פערברענט דעם שטעקען, וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט



די בני־ישראל פאַר'ן בארג סיני (זעה זייט 24)

לְחֻטְרָא. דְּהִכָּה
לְכַלְבָּא. דְּנָשַׁךְ
לְשֻׁנְרָא. דְּאָכְלָה
לְגַדְיָא. דִּזְבַן
אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד
גַּדְיָא:

The Angel of Death — מלאך המות

וְאָתָא הַקָּדוֹשׁ
בָּרוּךְ הוּא. וְשָׁחַט
לְמַלְאַךְ הַמָּוֶת.
דְּשָׁחַט לְשׁוֹחֵט.
דְּשָׁחַט לְתוֹרָא.
דְּשָׁתָה לְמַיָּא.
דְּכָבָה לְנוּרָא.
דְּשָׂרַף לְחֻטְרָא.
דְּהִכָּה לְכַלְבָּא.
דְּנָשַׁךְ לְשֻׁנְרָא. דְּאָכְלָה לְגַדְיָא. דִּזְבַן אַבָּא בִּתְרֵי זוּזֵי:

חַד גַּדְיָא. חַד גַּדְיָא:



הקב״ה
The Eternal removing the Angel of Death

געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע".

דאַן איז געקומען דער מלאך-המות און האָט גע'הרג'עט דעם שוחט, וואָס האָט געקוילעט דעם אָקס, וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, וואָס האָט פערלאָשען דאָס פייער, וואָס האָט פערברענט דעם שטעקען, וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע".

דאַן איז געקומען השם יתברך און האָט בעזייטיגט דעם מלאך-המות, וואָס האָט גע'הרג'עט דעם שוחט, וואָס האָט געקוילעט דעם אָקס, וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, וואָס האָט פערלאָשען דאָס פייער, וואָס האָט פערברענט דעם שטעקען, וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד, וואָס האָט געביסען די קאַץ, וואָס האָט אויפגעגעסען דאָס ציגעלע, וועלכעס מיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

(צוגעזונגען) „דאָס איינציגע ציגעלע, דאָס איינציגע ציגעלע".



דער בית-המקדש וואָס קעניג הורדוס האָט געבויט

שיר השירים

דער מנהג צו לייענען אין שוהל די מגילה פון שיר השירים אום פסח, איז דערמאָנט אין תלמוד (מסכת סופרים פרק יד), ווייל עס שטעהט אין פסוק: „לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי" (א, ט) — „צו אַ קליאַטשע אין פרעה׳ס רייטוואָגען פערגלייך איך דיך, מיין הירטין". דער מנהג איז איצט צו לייענען שיר השירים שבת חול המועד, אָדער דעם זיבעטען טאָג פון פסח ווען ער געפאַלט אום שבת. אָבער די פרומע אידען זאָגען שיר השירים אויך נאָכ׳ן סדר.



אַנטלויף, מיין געליעבטער, ווי אַ הירש אָדער אַ יונגע אינדין, אויף די געווירצען־בערג (סוף שיר השירים).

ענדע